№ 11 · [illegible] · פרייז 20 גראשען. · „CZENSTUCHOWER CAJTUNG“.

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellouska Kraków św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 17 marca 1933 — ליכט-צינדען 5.51 — פרייטאג, פ' תשא י"ט אדר תרצ"ג.

W piątek d. 17 marca w sali Teatru Kameralnego
tylko jeden występ znakomitej artys'ki „Bandy“ i „Morskiego Oka“, ulubie. icy warszawskiej publiczności

DORY KALINÓWNY.

W programie szereg ostatnich przebojów rewjowych, których p Kalinówna jest niezrównaną odtwórczynią i którenii podbiła serca Warszawy," a ostatnio Krakowa i całego szeregu miast Małopolski.
P. Kalinówna wykona między innemi słynne tango p.t. „Rebeka“
Bilety w cenie od 1 do 4 zł. są wcześniej do nabycia w księgarni W. Święcki i S-ka.

אכטונג טשענסטאכאוו און פראווינץ!
דאס לאנג-יעהריגע וויין-און ספיריטוס-געשעפט
פון **יצחק מענדיל עפשטיין**
איז איבערטראגען געווארען אויפ'ן נייעם מארק רוג ווארשאווער
„ZŁOTY RÓG“ א. ד. פ.
וואו ס'איז צו בעקומען אלערליי ווײנען, ספיריטואליען, מעהד, קאניאק
און אנדערע משקאות, אלס עכט, אונגעפעלשט, דערונטער גאנץ אלטען וויין
און „כרמל“ צו מעסיגע פרייזען.
האפענטליך, דאס די ג' קונדשאפט וועט ווייטער מיר שענקען
צוטרוי און האנדעלס-בעציהונגען — צייכענט זיך מיט אכטונג:
יצחק מענדיל עפשטיין און שמשי שטשופאק.
אויך טאבאק-אויסארבייטונגען דא צו בעקומען.

דער ערשטקלאסיגער ווערקשטאט
פון **ראמען - בעקליידונג**
מ. פייגענבלאט, 2 אלעע 18
מא.ט בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט פון טשענסטאכאוו
און אומגעגענד, אז עס זענען שוין אנגעקומען
פרישע פאסאנען און מאדעלען צום פרילינג
און זומער-סעזאן. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט שנעל, ערשטקלאסיג
און פונקטליך. ——— צוליב די שווערע צייט זענען די פרייזען פאר יעדען צוגענגליך. ———
מיט א טונג **מ. פייגענבלאט, אלעע 18.**

דער פון לאנג-בעקאנטער טשענסטאכ.
שילדען-מאלער:
דוד כראפאט
וועלכער האט די לעצטע יאהרען געוויילט אין אויסלאנד און האט צו דעם צוועק
באזוכט א סך מאלער-אקאדעמיעס אין בערלין, דיסעלדארף, ברעסלוי
און האנאווער האט זיך אומגעקעהרט נאך טשענסטאכאוו, וואו ער פיהרט אויס
די שענסטע שטובען און שילדען-ארבייט
לויט די נייעסטע מאדערנסטע סטילען פון דער מאלער-קונסט
צו זעהר צוגענגליכע בעדינגונגען.
מיט אכטונג **ד. כראפאט,**
קאטעדראלנא 13. פריהער סטראזשאצקא8.

די הייליגע טראדיציע

און די עגזיסטירענדע פארשריפטען בעצוואונגען יעדען גלויביגען יוד צו זיין פארזיכטיג ביים אויסוואהל פון כשר פעטס. וועלכעס רינט ביים צוגרייטען יום-טוב'דיגע מאכלים. אהן שום צווייפעל קאן מען צו דעם צוועק בענוצען מארגארין „מנורה“.
„מנורה“ איז פארווע. - **אויסגעארבייט שטרענג כשר.**
פארווע מארגארין „מנורה“ ווערט אויסגעארבייט פון די **בעסטע בוימאיילען און פלאנצען-פעטס** דורך דער אקצ.-געז. „**אמאדא**“.
אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון הרב **סאגאלאוויטש**, וועמענס הכשר איז געווארען אנערקענט דורכ'ן ווארשעווער ראבינאט.

א שווארצע קאווע

ארדענט איין
דער האנדווערקער-פערבאנד
אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12
מארגען, שבת ד. 18 ד.ח. 9 אוונט
מיט א פערשידענארטיגען פראגראם.
צווישען אנדערעס נעמט אנ'אקטיווען אנטייל דער
מענער-כאר א. ג. א. ב. בירנבוים.
איינגאנג 1 זל. נאר געגען איינלאדונגען.

לעזט אויפמערקזאם!

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס אין מיין
שניידער - ווארשטאט
קען מען בעקומען אלעראט
פערטיגע יודישע מלבושים
ווי אנציגער, שניט-רעק, פאלטענס לייכטע און שווערע, זיידענע
און אלפאגענע קאפאטעס, שלאף-רעק און כאלאטען אויך פאר קינדער
צו זעהר ביליגע לאדזשער פרייזען.
עס ווערען אויך אנגענומען בעשטעלונגען פון אייגענע סחורות.
רעעלע בעהאנדלונג. סאלידע אויספיהרונג.
א גרויסער אויסוואהל פון מאדערנע סחורות.
מיט אכטונג **חיים יעקב קאהן, מאסטאווא 9.**

מעלדונג.

דערמיט מעלדען מיר אונזערע חברים, דאס שבת דעם 18 מערץ 3 נאכמיטאג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, קאשטשושקי 16 א רעפעראט א. ד. ט.: „וואס בעדייט ציוניזם רעוויזיאניזם“.
דער רעפעראט קומט פאר פונקטליך.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען דאנק, די אלע פערזאנען, וועלכע האבען בעוויליגט מ טצוהעלפען ביי דעם איינארדנען פון אונזער פורים באל.
ברית הצה"ר.

בעשטעטיגונג.

איך אונטערשריבענער בעשטעטיג דאס איך בין אדורכגעקומען מיט מיין בעל-הבית ה' בענדעט בערקאוויטש ביים מו"צ ר' בנימין רובין, וואו איך פערפליכט מיך דעם 1-טען מאי 1933 י. איהם אפצוגעבען די וואוינונג, וואס איך פערנעם אין זיין הויז אויף נארנצארסקא 59. אין געגענפאל גיב איך איהם רעכט אנצווענדען געגען מיר עגזעקוציע-מיטלען.
הירשל גאנזווייך.

אכטונג!

אזוי ווי אלע יאהר, נעם איך אויך היי - יאהר אן
מצות צו מאהלען אויף רייבעכט'ס
כשר למהדרין מן המהדרין צו ביליגע פרייזען.
יצחק מאיר שטילער
נאדזשעטשנא 60.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu powiększonym
ul. waszyngtona 6. daw. Jasna.
Zapisy na kursy i lekcje oddzielne codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.
שבת 18 ד. ח. 8 אוונד פראקטישע לעקציע
פאר יודישער געזעלשאפט און אויך יעדען שבת.
אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אוונד.
צוגענגליכע פרייזען.

ווארט נישט אויף שפעטער!

עס איז א קריזיס? אודאי איז א קריזיס!
אויב אזוי,
קאנסטו בעקומען **אלעראט פאסאנען שיך**
גאראנטירט, ביליג
אין דער פירמע, וועלכע עגזיסטירט פון יאהר 1902
מ. וואלסקי,
אלטער מארק №: 30
פראנט, ערשטער שטאק.
נוצט אויס די געלעגענהייט!

דער בעוואוסטער קונסט-מאלער
ה' יהושע ראזאניעצקי פון פאריז
עפענט אין קורצען זיין אויסשטעלונג אין טשענסטאכאוו. פרטים קומען.

Edzia Breslerówna Mieczysław Sułkowski
ZARĘCZENI
Częstochowa, w marcu 1933 r.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' **אבא ברעסלער** און פרוי צו דער פערלאבונג פון זייער טאכטער **אסתר פייגיל** מיט ה' **מרדכי סולקאווסקי.**
דעם חתן-כלה ווינשען מיר פיעל גליק און אייביגעס צופרידענהייט.
משה גאלדבערג און פרוי. **זלמן ווינדמאן** און פרוי.

צו דער תנאים פון ה'
מ. סולקאווסקי מיט פרל. **עדזיא ברעסלער**
א הארציגען מזל טוב ווינשט **מיכאל רוזיעוויטש** און פרוי.

א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד **מ. סולקאווסקי** צו זיין תנאים מיט פרל. **עדזיא ברעסלער**
זאל זייער צוזאמענבונד זיין א גליקליכער און צופרידענער.
מ. הערשליקאוויטש, א. פראנק און **ל. ראטשילד.**

מזל-טוב צו דער תנאים פון מיין בעסטען פריינד **מיעטשיסלאוו סולקאווסקי** מיט פרל. **עדזיא ברעסלער** זאל זייער צוקונפט זיין בעשטראהלט מיט שטראהלען פון גליק און פולשטענדיגע צופרידענהייט.
ישעיהו יעלין.

צו דער תנאים פון אונזער קוזין **משה אבא מענדלעוויטש** מיט פרל. **באלא שטערנבערג** א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
יצחק וויען, פרוי און **זוהן** און **חיים'ל פראפענאטאר** און **קינדער.**

צו דער תנאים פון אונזער ברודער'ן-טאכטער און קוזינקע **באלא שטערנבערג** מיט ה' **משה אבא מענדלעוויטש** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
יעקב שטערנבערג, פרוי און **קינדער.**

Hurtowy skład cerat, linoleum i przyborów tapicerskich
I. HOLAND i S-ka
Berka Joselewicza 6 (daw. Ogrodowa, sklep Obrony)
האט אויפ'ן לאגער א גרויסען אויסוואהל כאדניקעס, דיוואנען, פלישען, לינאלעאום, אפאנעס (פארצענט), שעניקעס, לעזשאקעס, פעלד-בעטלעך
אלץ צו פאבריקס-פרייזען.
מיט אכטונג
י. האלאנד און קאמפ.
בערעק יאסעלעוויטש 6.

W niedzielę, 19 marca r. b. jako w pierwszą bolesną rocznicę śmierci
najukochańszej i nieodżałowanej ŻONY i MATKI naszej
b p. Anny z Frydlenderów
ZYSMANOWEJ
odbędzie się o godz. 12-ej w poł. na cmentarzu żydowskim odsłonięcie pomnika, oraz nabożeństwo żałobne.
O czem zawiadamiają **MĄŻ i DZIECI.**
Autobus odchodzi z domu I Aleja 6 punkt o godz. 11-50.

בצער גדול אנו מביעים את רגשי השתתפותנו לחברתנו **אליש**
במות עליה בעלה
אליהו מנחם אליש ז"ל
מי שהיה חבר הועד שלנו ואחד לוחמי רעיון המדינה העברית המצוין בעי"נו.
בין שאר אבלי ציון וירושלים תנחם.
ברית הציונים-הרביזיוניסטים
סניף בצ'נסטוחובה.

אנו מביעים את צערנו הגדול לאשת אחנו האהוב במות עליה בעלה
אליהו מנחם אליש ז"ל
מי שהיה אח מצוין בקננו והצטיין בעבודתו לטובת רעיוננו.
בין שאר אבלי ציון וירושלים תנחם.
ברית-תרומפלדור בפולין
קן בצינסטוחובה.

עס איז ווייער פליכט.

(וועגען דער קמחא-אקציע).

מיר ווילען דא נישט בעטאנען און ערקלערן די וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון דער קמחא - אקציע, וואס ווערט יעדעס יאהר פאר פסח אדורכגעפיהרט.

עס איז גאנץ איבריג צו ווידערהא-לען דאס וואס ס'איז אלעמען בעוואוסט אז דער דאזיגער טראדיציאנעלער מנהג וואס איז ביי אונז איינגעפיהרט זינט הונדערטער יאהרען און דורות האט א אונגעהויער וויכטיגע בעדייטונג פאר דער געדריקטער און נויטליידענדער יודישער בעפעלקערונג, און יעדע יודישע קהלה, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער, בכל תפיצות ישראל זאמעלט פאר פסח מעות חטין, אדער קמחא דפסחא, און פערטיילט דאס צווישען איהרע נצרכים.

און נאכמעהר איבריג וואלט געווען צו אנווייזען אויף ווי ווייט די דאזיגע אקציע איז נויטיג אין דער היינטיגער אזוי שווערער און ביטערער צייט, ווען די יודישע פרנסות ווערען פון טאג צו טאג קלענער און בעשרענקטער, ווען הונדערטער יודישע פאמיליעס, צווישען זיי אזעלכע, וואס האבען ערשט נעכטען געפיהרט א בכבוד'יג בעל-הבית'-טיש לעבען, האבען נישט אין א געוועהנליכען וואכענטאג קיין מיטלען צום לעבען, און קיין ברויט צו זעטיגען זייערע פאמיליעס, און ס'איז פערשטענדליך אז צו אזא יום-טוב קענען זיי אפילו נישט טראכטען וועגען אנגרייטען, און די אויגען פון זיי מיט זייערע פאמיליעס זענען געווענדעט צו דער קהלה און דער קמחא-אקציע, וועלכע זאל זיי ערמעגליכען אז זיי זאלען וועניגסטענס נישט דארפען הונגערן אין דעם דאזיגען גרויסען יום-טוב.

דאס זענען אלץ בעוואוסטע זאכען וועגען וועלכע מען דארף נישט רעדען און אויב מיר ווילען רעדען וועגען דער הייריגער קמחא-אקציע וואס דארף אדורכגעפיהרט ווערען ביי אונז אין שטאדט, איז עס נאר צוליעב פאלגענדען:

מיר ווייסען, און ס'איז פאר קיינעם קיין סוד נישט אז אין דער היגער נייער קהלה הערשט נישט די נויטיגע אחדות און געגענזייטיגע פערשטענדי-גונג וואס דארף אייגענטליך הערשען אין דער העכסטער אינסטאנץ פון דער יודישער בעפעלקערונג, עס איז דארט ווייט נישט צו זעהן די פרידליכע האר-מאניע וואס וואלט ערמעגליכט די צו-זאמענארבייט פון אלע קהלה-פארשטע-הער אז די דאזיגע טעטיגקייט זאל זיין אין פולען זין פראדוקטיוו און נו-צליך פאר דעם יודישען טשענסטאכאוו.

און אז די דאזיגע נישט-קלארע לא-גע וואס עקזיסטירט צווישען אונזערע פארשטעהער ברענגט א גרויסען שא-דען דער קהלה-ווירטשאפט צו אלע איהרע געביטען איז אויך א זעלבסט-פערשטענדליכע זאך, מיר זעהען זא-גאר, אז די אזוי-גערופענע אפאזיציע וואס בעשטעהט פון די נאציאנאלע פרנסים און דאזארעס נעמט נישט קיין אקטיווען אנטייל אין דער קהלה-אר-בייט און זייערע פארשטעהער האבען נישט געוואלט אריינגעהן אין די קא-מיסיעס וואס זענען געשאפען געווארען פאר פערשידענע ווירטשאפטס-צווייגען פון דער קהלה.

געוויס וועלען מיר נישט איצט בע-ריהרען די אלטע וואונד, און זיך אב-שטעלען אויף דעם ווער עס איז שול-דיג אין דער געשאפענער לאגע, און ווער עס האט פערשוואכט, אז די קהלה אין אונזער שטאדט, אין טשענ-סטאכאוו, וועלכע איז שטענדיג געווען א מוסטער פון איינהייט און פרידען זאל פערוואנדעלט ווערען אין אנ'ארט פון ארומרייסעניש, און אז די זיד-לערייען זאלען זיך ארויסטראגען אין גאס אריין וואס עס פערשאפט געוויס אונז, דעם יודישען כלל אין טשענ-סטאכאוו קיין כבוד נישט.

מיר זענען בלויז אויסען אנצווייזען און אויפמערקזאם צו מאכען אז ווען זאגאר די אפאזיציע בערעכטיגט איהר שטעלונג אין געוויסע טעטיגקייטס-גע-ביטען וואס געהערען צו דער קהלה, קען די דאזיגע שטעלונג ביי קיין פאל נישט בערעכטיגט ווערען בנוגע דער קמחא-אקציע.

ווען עס האנדעלט זיך אין דעם היי-ליגען טראדיציאנעלען מנהג, וואס איז ביי אונז, ביים יודישען פאלק געווארען א געבאט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אדורכפיהרען א אקציע פאר אונזערע געדריקטע ברידער און שוועסטער, אז זיי מיט זייערע פאמיליעס זאלען נישט דארפען הונגערן אין דעם שענסטען און אידעאלסטען פייערטאג וואס דאס יודישע פאלק פייערט זינט עס איז געווארען א פאלק.

ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פקוח-נפשות, וואס ריהרט אן טויזענדער נפשות, וועלכע שטעהען מיט אויסגעלאשענע אויגען און מיט קלאפענדע הערצער און ווארטען אויף דער אונטערשטיצונג וואס זיי האפען צו בעקומען פון זייער פארשטעהערשאפט, וועלכע איז צו דעם בערופען און וועלכע איז צו דעם געוועהלט געווארען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

דאמאלס טארען נישט הערשען קיין שום חלוקי-דעות, דאמאלס מוזען בע-זייטיגט ווערען אלע שטרויכלונגען, מוז יעדער, ווי פערביטערט ער זאל נישט זיין, אויב ער איז אריינגעגאנ-גען אין דער קהלה, און האט דעם מאנדאט אנגענומען, מוז ער אויף זיך פיהלען דעם חוב, וואס ער האט אויף זיך גענומען, מוז ער אויף זיינע פליי-צעס טראגען די גרויסע אחריות פאר די הונדערטער און טויזענדער נפשות, און ער טאר נישט שטעהן אין דער זייט, ער טאר זיך נישט בעציהען גלייכגילטיג צו דער גרויסער און וויכ-טיגער זאך.

די ארבייט איז א אונגעהויער שווע-רע און פעראנטווארטליכע, עס איז אין דער היינטיגער ביטערער צייט שווער, זעהר שווער צו זאמלען אזא גרויסע סומע, וואס ס'איז נויטיג צו דעם צוועק, אבער די ארבייט ווי שווער זי זאל נישט זיין, מוז פארט געטהון ווערען.

און געטהון ווערען דארף זי דורך אלע די, וועלכע האבען זיך פערפליכ-טעט צו ארבייטען פאר'ן היגען יודישען ציבור, און אין דער ערשטער רייהע פאר אזא עלעמענטארע וויכטיגע אקציע ווי עס איז די קמחא אקציע.

י. פ.

אך, די שרעקליכע רעומאטישע ווייטאגען...

מאטערן א גאנצען טאג, יעדער ריהר שאפט אונגעהויערע שמערצען. צו וואסזשע זיך אזוי מאטערן — מען דארף, ענדליך, א סוף מאכען צו די ליידען. טאגאל האלט איין דאס אנ-זאמלען זיך פון אורין-זויער, וועלכע איז, ווי בעוואוסט, די אייגענטלי-כע סבה פון די דאזיגע ליידען און דעהיבער בעקעמפט טאגאל מיט גרויס ערפאלג רעומאטיזם-שמערצען פאדאגרע, נערווען און קאפ-וועהטא-גען, אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. פרובט און איהר וועט זיך אליין איבערצייגען. בעקומען אין אלע אפטייקען. רעגיסטרירט נומער 1364.

Togal

גערענק דאס ווארט!

צו זילבערן בעשטעק און אנד. געגענשטענדען

נעמט אן

Jubiler H. HIPSZER

ALEJA 13.

די מלוכה'שע פאבריק פון אזאט אין כארזצוו האט אנגעהויבען צו פראדוצי-רען פאספאר-בעמיסטיגונג מיט די איי-גענשאפטען פון טאמאסין, די דאזיגע בעמיסטיגונג האט פאר דער אגריקול-טור נאך העכערע אייגענשאפטען ווי טאמאסין (צוליעב דעם וואס זי ענט-האלט פאספאר-זויערע אין א מעהר צו-לאזבארער פארם) און ווערט פערקויפט אונטער'ן נאמען „סופערטאכאכין".

„סופערטאמאסין" פערטרעט פולקאם די אויסלענדישע טאמאסין א דאנק איהרע אייגענשאפטען און אין א סך פאלען ווערט זי בענוצט זאגאר דארט וואו מען קען נישט אנווענדען קיין טופערפאספאט,

סופערטאמאסין קאן מען אנווענדען אונטער אלע געוויקסען ווי אויך אויף לאנקעס.

ווער פון ראדיא נישט האלט —
פעראַרימט ווערט זיין גייסטיגע געשטאלט.

די ענטלאפענע.

(45

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג)

און באלד האט זיך ארויסגעוויזען אז ס'איז טאקי אמת, דער גרויסער גאון און צדיק איז געווארען איינגע-זעצט אין תפיסה אונטער אזא שרעק-ליכען פערדאכט.

דאס גאנצע יודישע פראנקפורט איז געווארען ערשיטערט פון דער זאך, אט ערשט געכטען איז דער דאזיגער מענש געווען זעהר געאכט און געשעצט אין פראנקפורט נישט בלויז ביי יודען נאר אויך צווישען קריסטען, די גרעסטע פערזענליכקייטען האבען זיך געהאלטען פאר א זכיה ווען דער גאון האט מיט זיי גערעדט, און פלוצים איז דער דא-זיגער גרויסער מאן פעררעכענט געווא-רען אלס פערברעכער וועלכער זאל האבען פעראורזאכט במזיד אזא שרעק-ליך אומגליק אויף זיין גאנצע קהלה, וועלכע איז אין עטליכע שעה פער-וואנדעלט געווארען אין א סטאדע ארימע שעפסען וואס האבען נישט קיין ארט איבערצונעכטיגען און פון זייער גאנץ גרויס פערמעגען איז גע-ווארען א בארג אש, פון דער גרעס-טער און רייכסטער יודישער קהלה אין דייטשלאנד איז געווארען א באנדע הונגעריגע און היימלאזע מענשען, וואס האבען נישט קיין ארט וואו דעם קאפ אנידערצולעגען און קיין שטיקעל ברויט פאר זיך און זייערע פאמיליעס.

די אונטערזוכונגען וואס די מאכט האט אדורכגעפיהרט וועגען די אורזא-כען וואס האבען ארויסגערופען די שרעקליכע שרפה, האבען בעוויזען אז דאס פייער האט זיך אנגעהויבען אין דעם צימער וואו דער רב איז געזע-סען און אז דאס האט דער רב אונ-טערגעצינדען, און ער איז דער הויפט-שולדיגער אין גאנצען אומגליק, און דער דאזיגער גרויסער מאן איז ווי א פערברעכער איינגעשפארט געווארען אין תפיסה.

אז דער רב איז דער גאנצער שול-דיגער איז ביי קיינעם קיין צווייפעל מעהר נישט געווען.

עס האט זיך ביי די אונטערזוכונגס-ריכטער נאר געהאנדעלט וועגען די מאטיווען, וואס ער האט געהאט דער-ביי, ווען ער האט דאס פייער פער-אורזאכט.

מאנכע ריכטער האבען געהאלטען אז ער איז אנ'אלכעמיסט, דאס הייסט אזא מין כישוף-מאכער, וואס האט געוואלט פערוואנדלען בליי אין גאלד—ווי דער אבערגלויבען איז געווען אין יענע דו-רות. אנדערע ריכטער, די גרעסטע שונאי-ישראל האבען גאר בעהויפטעט נאך ערגערס: אז ער האט דורך זיין כישוף-מאכעריי גאר געוואלט פערברע-נען די גאנצע שטאדט פראנקפורט, נור על פי טעות איז עס נאר געשעהן מיט דער געטא.

און אפילו יודען זענען געווען זיכער אז ער האט געהאט א שרעקליכען טעות ביי זיינע קבלה'יסטישע השבועות און אנשטאט צו בעשווערען און צו בע-שעפטיגען דעם שר של מים, האט ער גאר ארויסגעבראכט דעם שר של אש. און ווען ער האט זיך ארומגעזעהן איז שוין געווען צו שפעט דאס צו פער-ריכטען.

ווי מען זעהט, איז דעם אומגליק-ליכען פראנקפורטער רב פארגעשטאנען א גאר לאנגע תפיסה-שטראף. אבער די יודען אין פראנקפורט האבען גע-ארבייט מעשים. כאטש זיי האבען גע-האט א בייז הארץ אויף איהם, זוויף דעם גרויסען גאון, ווייל זיי האבען איהם געהאלטען פאר'ן הויפט-שולדי-גען אין זייערע אלע יעצטיגע אומגלי-קען. זיי האבען אבער דאך נישט גע-קענט איבערטראגען דעם געדאנק, אז זייער רב און פיהרער זאל פעראור-טיילט ווערען אלס „גאסען-ברענער", ווי די קריסטען איבער'ן גאנצען לאנד האבען איהם שוין אומעטום גערופען. די ראשי-הקהל האבען דערפאר אנגע-פיהרט געהיימע פערהאנדלונגען מיט די ריכטער, אז דער אורטייל זאל אויספאלען וואס לייכטער און וואס מילדער.

צווישען די הויפט - שתדלנים וואס האבען זיך משתדל געווען פאר'ן רב ביי דער מאכט איז געווען אויך יעקב משה, כאטש ער האט געהאט מיט זיך צו טהון און האט נישט געהאט קיין אויסוועג פון זיין שלעכטער לאגע, אי-בערהויפט האט ער נישט געוואוסט וואס עס איז געשעהן מיט זיין איינ-ציגער טאכטער אין ווארשא, האט ער פארט אויף זיך געפיהלט א בעזונדערן פליכט אנצווענדען אלע מעגליכקייטען לטובת דעם רב.

ער האט דאס געפיהלט צוליעב דעם וואס ער האט זיך געהאלטען פאר א מחותן מיט דעם רב, ווארום דער גע-וועזענער חתן פון זיין טאכטער חנהלע איז געווען א יתום און דער רב האט איהם געוואלט חתונה מאכען, און כאטש דער רב האט איהם אבגעשיקט די צו-ריסענע תנאים וואס עס הייסט אייגענ-טליך אז ער האט יעקב משה'ן בעליי-דיגט, האט פארט יעקב משה זיך גע-פיהלט שולדיג געגען דעם רב, ער האט פיעל מאל געטראכט אז אפשר האט דער רב זיך פערזינדיגט מיט דעם וואס ער האט איהם פערשעהמט און ער איז מעגליך שולדיג אין דעם אומ-גליק וואס איז אויפ'ן רב געקומען.

און אזוי ווי ער האט געהאט גרויס בעקאנטשאפט צווישען די גרעסטע פער-זענליכקייטען פון פראנקפורט, האט ער טאג און נאכט נישט אויפגעהערט ארומצולויפען און צו קלאפען אין אלע טהירען, אנצושפארען אין די העכסטע מקומות וואו ס'איז נאר מעגליך געווען צו טהון א טובה דעם רב, און צו ווירקען אז דער אורטייל זאל זיין וואס מילדער, ווייל פון בעפרייען איהם אינ-גאנצען האט שוין קיין רייד נישט גע-קענט זיין.

נאכמעהר האט זיך פערגרעסערט זיין קרענקונג ווען ער, יעקב משה, האט זיך אמאל אויסגעפועל'ט אז ער זאל בעקומען אנ'ערלויבניש צו בעזוכען דעם רב אין זיין תפיסה-צימער.

דאס האט איהם געקאסט זעהר פיעל ארבייט און שתדלנות אבער ער האט די ערלויבניש בעקומען, און ווען ער איז געווען ביים רב אין תפיסה האט דער רב צו איהם געזאגט:

איך ווייס, יעקב משה, אז איך האב געגען דיר געזינדיגט, איך האב דיך בעליידיגט ווען דו ביזט צו מיר געקו-מען זיך בעראטען וועגען דעם וואס דיין טאכטער איז אוועק פון דערהיים, איך געדענק דיינע ווערטער וואס דו האסט צו מיר געזאגט אז אנשטאט דיך צו טרייסטען רעד איך צו דיר שטרענג, און שפעטער וואס איך האב דיר אבגעשיקט די תנאים האב איך דיך מבזה געווען, איך האב שוין פיעל מאל אויף דעם גרויס חרטה געהאט, אבער גאט האט מיך דערפאר בע-שטראפט.

די דאזיגע ווערטער וואס דער גרוי-סער גאון און צדיק האט גערעדט מיט טרעהרען אין די אויגען, האבען יעקב משה'ן געשניטען ווי שארפע מעסערס און ער האט קוים זיך געקענט איינ-האלטען פון וויינען.

וואס זאגט איהר, הייליגער רבי— האט יעקב משה געזאגט—איך פיהל זיך שולדיג געגען אייך, און געגען דעם חתן, וואס איז א גרויסער למדן און א יתום דערצו, דער רבי איז קיין שום נישט-ריכטיגע זאך נישט בעגאנ-גען, ווארום אויב מיין טאכטער איז אוועק פון דער היים, האט איהר דאך קיין אנדערע עצה נישט געהאט, און איהר האט געהאנדעלט לויט'ן יודישען דין.

א לענגערע צייט האבען זיי גע-רעדט צווישען זיך ביז די צייט פון זיין בעזוך האט זיך געענדיגט, און ווען דער תפיסה-וועכטער האט יעקב משה'ן ערקלערט אז ער מוז פערלאזען דאס צימער, האט דער רב צו איהם געזאגט:

אלזא דו ביזט מיר מוחל יעקב משה?

איך האב אייך נישט וואס מוחל צו זיין הייליגער רבי און איך זאג אייך צו אז איך וועל אנווענדען אלע מעג-ליכקייטען אייך צו בעפרייען פון דער תפיסה.

נו יא, איך בעט נאר השי"ת זאל מיר העלפען איך זאל קענען שטארבען אויף מיין בעט, און נישט אין תפיסה —האט דער רב געענטפערט.

זינט דעם דאזיגען בעזוך האט יעקב משה זיך גענומען מיט נאכמעהר ענער-גיע צו טהון פאר דעם בעפרייען דעם רב, אבער וועניגסטענס צו פערלייכ-טערן זיין אורטייל.

(פארטז. קומט).

יוסף קלאָרמאַן

יאָ, קויפען שקלים!

(ערב דער סעסיע פון רעוויזיאָניסטישען פּאַרטיי=ראַט).

די איבערשריפט פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל וועט מסתמא נישט איינעם פון די לעזער וואונדערען: ווי קומט עס, אַז אַ מענש, וועלכער האָט מיט איבער אַ האַלב יאָהר צוריק פערטיידיגט אויף די שפּאַלטען פון דער — אַ צייטונג דעם שטאַנדפּונקט פון אַרויסטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — זאָל פּלוצים ווערען אַ חסיד פון אויסקויפען שקלים? איז דען אין משך פון די לעצטע חדשים עפּעס געשעהן אין דער אַזוי־גערופענער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס צווינגט צו ענדערן אַ מיינונג? האָבען דען יענע ציוניסטען, וועלכע האָבען אויף דעם לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס געשטימט געגען דער יודענשטאַט־פאָרמולע חרטה בעקומען און קלאַפּען זיך „על חטא"?

אָ, ניין! ס'איז גאָר נישט געשעהן. אין די מוחות פון די ציוניסטישע מנהיגים איז ווייטער פערבליבען די טעמפּקייט, מען בעמיהט זיך צו זיין „רוהיג" ווי ווייצמאַן. מען „שרייט" נישט, סטאַטשפּטשנע. אי, וואָס מען רייסט דאָרט אַרויס 10 טויזענד בוימער פון קק"ל, מען וואַרפט באָמבעס אין נהלל און מען בעפאַלט אַ ישוב, הרג'ענדיג געוועזענע יודישע לעגיאָנערען?! וואָס, איהר וואָרט אויף דעם וועה־געשריי פון די ציוניסטישע מנהיגים? צו וואָס! גענוג איז דאָך, אַז מען איז מכפר מיט אַ מתנה — לאַכט נישט — אַ פערד פאַר דעם ציוניסטישען פּאָליטישען רעפערענט און חסל!

הכלל — ס'איז קוראין כדאתמול! אלא וואָס דען? לאָמיר אויפקלערען: אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט עס בעצייכענט אין: „לכתחילה" און „בדיעבד".

לכתחילה: נאָכדעם, ווי דער 17־טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אָבגעוואָרפען די יודענשטאַט־פאָרמולע, האַלט איך, איז מעהר נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ יודענשטאַטלער אין דער אַזוי גערופענער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מענשען, וועלכע רעד'ען וועגען „הויך פּאָליטיק" וועלען דאָס אפשר האַלטען פאַר נאַאיוו. אָבער אַ מענש, וועלכער האָט געגלויבט די פּרעדיגער פון ציוניסטישען געדאַנק, געקומען צום ציוניזם און געוואָרען אַ מיטגליעד אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז זי, די אָרגאַניזאַציע פערטרעט דעם יודענשטאַט־געדאַנק און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ שקר — בלייבט פאַר איהם איין וועג: זיך געזעגענען מיט יענער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ער האָט געגלויבט און אויב ער פערבלייבט ווייטער אַ יודענשטאַטלער, רעדט ער זיך צינויף מיט זיינע חברים און אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשטענדיגע יודענשטאַטליכע אָרגאַניזאַציע.

וועגען דעם איז אין אונזער בעוועגונג אַוועק אַ דעבאַטע. ס'איז געווען אַ מאַן דאָמר, וועלכער האָט געזאָגט אומגעפעהר אַזוי: דאָס אַלץ וואָס איז אויבענדערמאַנט געוואָרען איז זעהר ריכטיג. דער לעצטער קאָנגרעס איז טאַקי בעגאַנגען — לאָמיר זיך אויסדריקען אין אַ מילדער פאָרם — אַ פּאָליטישער שטות. נו, איז וואָס דערפון געדרינגען? מ'דאַרף מיט יענע קנעלען, אַריינברענגען וואָס מעהר גלויבען, שטאַרקען אונזערע רייהען און עראָבערן דעם קאָנגרעס. צי איז דאָס מעגליך? די פערטיידיגער פון דעם שטאַנדפּונקט גלויבען, אַז — יאָ. איבערהויפּט, ווען אינ'ם לעצטען יאָהר האָט זיך דער רעוויזיאָניזם שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסען און ס'איז פערהאַן אַ סברא, אַז די רעוויזיאָניסטען וועלען זיך פעראייניגען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטען פון דער גרופּע „ב" (למען השם: נישט אידענטיפיצירען מיט דעם „אַלגעמיינעם" ציוניזם פון ה' גרינבוים, וועלכער וויל זיך נישט אָנשליסען אין פערבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטען) און „מזרחי".

און דאָ קומט דאָס קאַפּיטעל „קאַלע": לאָמיר זיין אויפריכטיג: ווער ברענגט דאָ אַ גרעסערן קרבן: דער אָנהענגער פון אַנ'אומאָבהענגיגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער אַ חסיד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? — געוויס דער לעצטער. דער לעצטער איז דאָך אָנגעוויזען אויף דער קאָנטראָל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מען קוקט אויף יעדער בעוועגונג זיינער מיט אַ פערגרעסער־גלאָז (אַ ביישפּיעל: דער לעצטער קאָנגרעס־געריכט) בעת דער ערשטער איז אַ „פרייער מענש" און טראָגט די אחריות נאָר פאַר איין אָרגאַניזאַציע. און ווען אַ גרויסער טייל פון מיינע חברים — און זיי זענען אַ גרויסער טייל — זענען זיכער אין נצחון און גלויבען, אַז ווידער וועט דער קאָנגרעס זיין אַ הערצל־טריבונע, פון וועלכער ס'וועט מיט שטאָלץ און ווירדע אָבהילכען אונזער פאָדערונג, צי דאַרף איך בעת דעם דאָזיגען קאַמף שטעהן פונדערווייטענס? עס געהט דאָך אַ קאַמף אויך פאַר מיינע אינטערעסען! האָט דאָך זשאַבאָטינסקי אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין ווין געזאָגט: ווען מיין ברודער געהט אין קאַמף וויל איך איהם העלפען!

זאָגט מען: דער קאַמף קומט דאָך פאַר זיין אַ חורבה, ס'איז נישט כדאי. אַזוי? שטעלט זיך פאַר, אַז מ יי ן ברודער קעמפט מיט ז יי ן — מ יי ן שונא אין אַ חורבה — נו, וועל איך נישט אַריין אין דער חורבה און צוזאַמען מיט מיין ברודער געבען דעם שונא אַ „טויט־קלאַפּ"?

איך בענוץ זיך ספּעציעל מיט דעם וואָרט: „אַ טויט־קלאַפּ" און איך בעט טאַקי דעם בחור הזעצער דאָס אונטערצושטרייכען. טאַקי יאָ: אַ טויט־קלאַפּ דער ווייצמאַניסטישער שטה, וועלכע מען פּרובט לעצטענס פון אַלע זייטען צוריק אַרויסצונעמען פונ'ם קבר. מען זעהט דאָך בעשיינפּערלעך, אַז נעכטיגע אַנטי־ווייצמאַניסטישע זשורנאַלען שטעהען מיט שופרות און טרומייטערן וועגען ווייצמאַנ'ס ישועות פאַר'ן יודישען פאָלק און דעריבער יודיש פאָלק: נעם אויף מיט ברייטע אָרעמס דיין „געזאַלבטען"!

און וואָס איז דען די לעצטע בערלינער יוסטיץ־פּאַראַדע, אויב נישט דער אָנזאָג פון דער בעניטער ווייצמאַן־שטה ס'איז דאָ אַ טענדענץ ביי אַ טייל ציוניסטען פּטור צו ווערען פון די רעוויזיאָניסטען, כדי אַזוי אָרום מעגליך צו מאַכען דאָס צוריקקומען פון דר. ווייצמאַן. אָ, זיי וואָלטען שטאַרק צופרידען געוועזען ווען די רעוויזיאָניסטען וואָלטען זיך אָבגעזאָגט צו קויפען דעם שקל. מהאי־טעמא האָט מען זיך אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע „העולם" צובייזערט אויף דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות פאַר אַנ'אַרטיקעל פון עהנליכען אינהאַלט, אָבגעדרוקט אין פּאַרטיי־אָרגאַן.

אָבער מיט וואָס גיט מען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ טויט־קלאַפּ דעם געגנער? דער איינציגער כלי־זין איז דער ש ק ל. האָסטו אַ שקל, דו, דיין פריינד, דיין חבר און בעקאַנטער — האָבען מיר געזיגט. אוודאי בין איך מסכים מיט זשאַבאָטינסקי'ן, אַז דער שקל האָט אויף זיך צו פלעקען, (דאָס אָפּלייקענען אין יודענשטאַט, יודישע אַגענץ אין דעם „רויטען" האַקענקרייץ) אָבער ווען מיין ברודער שטעהט אין קאַמף, טאָר איך דאָס כלי־זין נישט אַוועקלייגען ביז די פלעקען וועלען אָבגעווישט ווערען. אין אַ צייט פון אַ קאַמף זענען חל אַנדערע געזעצען ווען דאָס כלי־זין אפילו בעפלעקט, רעכען זיך נישט דערמיט, נעם עס אין האַנד און געה העלפען דיין ברודער!

ס'איז נישט אָנגענעם? אפשר! פיעל זאַכען זענען אין קאַמף נישט אָנגענעם. עס האַנדעלט זיך נישט אינ'ם קאַמף גופא; ער איז דאָן נישט פּערמאַנענט. ער איז דאָר אַ מיטעל צו ציעל, און פאַר דעם ציעל, פאַר וועלכען מיר קעמפען, איז כדאי צו האָבען אונאָנגענעמליכקייטען.

און דעריבער: ווען אַ גרויסער טייל פון אונזער'ע חברים האָבען בעשלאָסען אָנצוהויבען דעם קאַמף פאַר אונזערע אינטערעסען, טאָר קיין איינער פון אונזער מחנה נישט שטעהן פון דערווייטענס. נעם דעם כלי־זין — דעם שקל — אין האַנד און געה האַנד ביי האַנד מיט דיין ברודער קעמפען.

ובכן רבותי: יאָ קויפען שקלים!

דאָס האַנדווערקערטום אין פּוילען פאַר אַ נייעם מאָרגען.

1.

נישט איינמאָל איז אונז אויסגעקומען אָנצווייזען, אַז די ווירטשאַפטליכע בעדינגונגען אין דער לעצטער צייט צווינגען די מאַסגעבענדע ספערען זיך צו פערטראַכטען וועגען די לייסטונגען פאַר'ן ווירטשאַפטליכען און סאָציאַלען לעבען פונ'ם האַנדווערקערטום.

ווען מען וועט זיך פערטיפען אין דער געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, וואָס האָט געפאָרעמט די ווירטשאַפט ביי פערשידענע פעלקער, וועלען מיר גאָר בולט אָנטרעפען אויף דער בעדייטענדער ראָלע פון האַנדווערקערטום.

דאָס 19־טע יאָהרהונדערט האָט אָבער געגעבען אַ גאָר גרויסען שטויס די ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע וואָס האָט אין איהר צווייטער העלפט אָנגענומען אין אייניגע לענדער גיגאַנטישע פאָרמען, קאָנצענטרירענדיג פיעל מיליאָנען אַרבייטס־הענד פון איין זייט און אונגעהויערע קאַפּיטאַלען פון דער צווייטער זייט און אָהן שום שוועריגקייטען האָט די אינדוסטריע קרעפטיגע גרופּע בעהערשט די גאַנצע פּאָליטיק, וואָס האָט נאָר געמוזט שטעהן צו איהר דינסט און אויספיהרען איהרע פערלאַנגען. עס האָט זיך געשאַפען דאָס אונגעהויערע געיעג נאָך אָבזאַץ־מערק. מאַנכע האָבען עס געפיהרט ברוטאַל, אָפען און מאַנכע אונטער פערשידענע פערשלייערונגען, ווי קולטיווירען אונקולטורעלע פעלקער און דאָסגלייכען.

ווען די פערשלייערטע עראָבערונגס־פּאָליטיק האָט נישט געקענט זעטיגען, איז מען אַרויס אָפען מיט געוועהר און עס בריכט אויס די גרויסע וועלט־קריג וואָס פערשלינגט מיליאָנען מענשליכע לעבענס, פערניכטעט אונגעהויערע גייסטיגע ווערטען. און דער רעזולטאַט — אַנ'אויפגעטרייסעלטע וועלט אויף אַלע געביעטען און איבערראַשונג פון אַלע ווערטען.

גרויסע פּאָליטיקער שטוינען ווי זייערע אַלע אויפפּאַסונגען ליגען צושמעטערט.

געלעהרטע עקאָנאָמיסטען בויגען די קעפּ אונטער די שווערע קלעפּ, וואָס דאָס לעבען דערלאַנגט זייערע טעאָריעס. אנשטאַט וואָס די שטאַרק ענטוויקעלטע טעכנישע אינדוסטריע דאַרף זיין אַ רעטונג פאַר דער מענשהייט, האָט עס געשאַפען אַזאַ שווערען קריזיס, אַז אַ דריטעל פון דער מענשהייט איז בערויבט פון יעדער פערדינסט־מעגליכקייט. און דאָס ערגסטע דערביי איז דאָס, וואָס נישט געקוקט וואָס אַזאַ צושטאַנד דויערט שוין נישט איין יאָהר און נישט איין מח איז שוין טריקען פון דענקען, קען מען קיין שום אויסוועג צו פערבעסערן די לאַגע נישט געפונען. עס וואַקסען אויס פערשידענע דעמאַגאָגען, וועלכע ווייסען די קונסט פון אויסנוצען מיט דעמאַגאָגישע פּראַזען די הונגעריגע און פערצווייפעלטע מאַסען פאַר זייערע פינסטערע פּלענער און אפילו פעלקער מיט אונגעהויערער קולטורעלער ענטוויקלונג מיידען נישט אויס אָט די פינסטערע דעמאַגאָגיע, וואָס פון וועלכע זייט מען וועט נישט דערויף קוקען קען מען דאָך נישט לייקענען, אַז דער גרעסטער „פערדינסט" דערין האָט די עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטליכע לאַגע.

און ווען אין שטאַרק אינדוסטריעל־ענטוויקעלטע לענדער קען מען דאָס ראַד נישט צוריקדרעהען, מוז בעגריסט ווערען די איניציאַטיווע פון די פּוילישע רעגירונגס־ספערען צו העלפען ווידער אויפבויען דאָס האַנדווערקערטום, וואָס איז אַזוי שווער געפּרובט געוואָרען די לעצטע צייט.

וועלכע זענען די מיטלען? און וואָס זאָלען זיי בעצוועקען? — אין נעכסטען אַרטיקעל

דוד קאָניעצפּאָלער

צי ווערט שוין טאַקי בעסער?

(אַ שמועס מיט די גרעסטע ווירטשאַפטס־פּאָליטיקער).

פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט אויפ'ן לייפּציגער יריד **ז. האָבער.**

אונזער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט אויפ'ן לייפּציגער יריד, האָט געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען מיט עטליכע פיהרער פון דער דייטשער אינדוסטריע און מיט זיי אַרומצורעדען די פראַגע, אויב זיי מיינען, אַז ס'ווערט שוין איצט טאַקי בעסער אויפ'ן וועלט־מאַרק.

דר. קעהלער, דער גענעראַל־דירעקטאָר פונ'ם לייפּציגער מעסע־אַמט האָט געזאָגט:

„איך האַלט, אַז די שווערסטע צייט זענען מיר שוין אַריבער, די פירמעס, וואָס האָבען אַדורכגעהאַלטען דעם יעצטיגען שווערען קריזיס, וואָס הערשט שוין אַזוי לאַנג, זענען טאַקי געזונד און פעסט. אַ טייל פון זיי האָבען געמוזט אויפגעבען זייערע גרויסע בעטריבען און בעשרענקען זיך אויף קלענערע און מיטעלע פאַבריקען. אין מאַנכע בראַנזשעס, ווי למשל אין דער מאַשינען־אינדוסטריע איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען אַביסעל בעסער. די גאַנצע וועלט הויבט אָן איינצוקויפען נייע מאַשינען פ"ר אַלערליי בראַנזשען. צו דער איצטיגער מעסע זענען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

דער פרעהליכער יום טוב פורים איז אויך שוין אַוועק און דער קאָפּ ווערט שוין צוגעראָבען אויף שטיקער ווי אַזוי מען מאַכט פּסח.

פריהער אָבער וויל איך נאָך געבען אַ שטיקעל „איבערבליק" ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן ביי אונז פורים. „שקשה", ס'איז כדאי צו דערצעהלען.

המנ'ן האָט מען געשאָסען...

די מגילה זאָגט אפילו, אַז המנ'ן האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ הויכען בוים, אַזוי אַז הינטער איהם האָבען נאָך געהאַט פּלאַץ צו הענגען אַלע זיינע צעהן בנים. און עס איז געווען אַ מנהג ביי יודען יעדען פורים צו מאַכען אַ תליה און אויפהענגען אַ לאַלקע, אַ כמו המן. די היינטיגע יודען האַלטען אָבער אַ תליה פאַר פערעלטערט און אַנשטאַט המנ'ן צו הענגען שיסען זיי איהם.

אין ראַדאָמסקער שטיבעל למשל, בעת דער מגילה לייענען, ווען מען האָט דערמאַנט המנ'ס נאָמען האָט מען אַנשטאַט צו גראַגערען אויסגעשאָסען מיט סטראַשאַקען. אויך אין אַנדערע מנינים האָט מען געהאַלטען אין איין שיסען. דעריבער האָבען זיי געשריגען אַנשטאַט המן — היטלער ימח שמו און ווידער געשאָסען.

המן איז היי יאָהר געווען מעהר פּאָפּולער ווי אַלע יאָהר און אַלץ צוליעב זיין אייניקעל היטלער.

אַה, ווען אונזער יוגענד פּאַקט אַזאַ היטלער'ן בעת'ן לייענען די מגילה וואָלטען זיי זיך נישט צערעמאָנירט מיט איהם ערשט צוצוגרייטען פאַר איהם אַ תליה, נאָר וואָלטען איהם דערוויילט אַ ביסעל געשאָסען...

אַ נאַאיווער יוד דער וולאָצלאַוועקער תושב.

אין דער נייער סינאַגאָגע בעת די מגילה לייענען איז געווען אַנוועזענד אַ יוד פון וולאָצלאַוועק. אַ יוד אַנ'אייראָפּעער זעהר עלעגאַנט אָנגעטהון, נאָר בלייבענדיג פורים אין טשענסטאָכאָוו איז ער געקומען הערען די מגילה.

די שוהל האָט אויף איהם געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען איינדרוק. נאָר איין זאַך האָט ער נישט געקענט פערשטעהן און האָט געהאַלטען אין איין וואונדערען זיך, היתכן?...

דער פּרעדיגער האָט געהאַלטען אַ דרשה מענינא דיומא — וועגען דער געשיכטע פון מגילת אסתר. האָט דער יוד נישט געקאָנט איבערשמערצען פאַרוואָס די דאָזיגע דרשה ווערט נישט געהאַלטען אין יודיש. געוואַלד! האָט זיך דער יוד כמעט ווי געבייזערט. אין אַ יודישע שוהל, וועגען אַ יודישע זאַך, צווישען סאַמע יודען זאָל מען נישט רעדען צו יודען אויף זייער שפּראַך, אויף יודיש אָדער אויף העבּרעאיש? אדרבה, האַלט ער אין איין טענה'ן, זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ טעם קאָן האָבען די מגלת אסתר מיט די אַלע מעשות וועגען אחשורוש'ן, המנ'ן, מרדכי הצדיק מיט אסתר'ן אויף פּויליש?

האַ, ווי זאָגט איהר? אַ נאַאיווער יוד דער וולאָצלאַוועקער, ער פערשטעהט נישט, אַז אין דער נייער סינאַגאָגע איז אַ יודיש וואָרט אסור לדבר נאָך ערגער ווי אין אַ פּוילישען שטאָדט־ראָט.

דער וולאָצלאַוועקער יוד האָט דאָס נישט געקאָנט פערטראָגען און איז אַוועק מיט אַ ביטער געפיהל.

אָט וואָס פאַרא נאַאיווע יודען עס זענען די וולאָצלאַוועקער...

ושתי וואָלט זיך געשעהמט...

דער „טאָז" האָט איינגעאָרדענט פורים צו דער מגלה זיין טראַדיציאָנעלען באַל.

די אונטערנעמונג האָט זיך זעהר גוט איינגעגעבען. עס זענען געקומען דאָס אויבערשטע פון שטייסעל און כמעט אַלע יודישע דאָקטוירים, וועלכע האָבען זעהר גוט פערבראַכט, און די קאַסע פון „טאָז" וועט פערייכערט ווערען מיט אַ פּאָר גילדען.

אינטערעסאַנט זענען נאָר אָבער געווען די בגדים אין וועלכע אונזערע נשים זענען געקומען.

איך האָב ערגיץ געלעזען, אַז אחשורוש האָט געזאָלט הייסען קומען ושתי'ן צו איהם נאַקעט. מען קאָן דאָך נישט זאָגען, אַז ער האָט עס געמיינט אינגאַנצען נאַקעט, נאָר מסתמא האַלב נאַקעט. שטעהט בפירוש. ותמאן המלכה ושתי, האָט זי דאָך נישט געוואָלט קומען. כאָטש מען קאָן איהר נישט פאָרוואַרפען צופיעל צניעות. האָט מען איהר געזאָגט: ושתי, אויב דו דערפילסט נישט דעם קעניג'ס בעפעהל, וועט מען דיך טויטען. און פונדעסטוועגען האָט זי נישט געוואָלט זיך אַזוי דערנידעריגען און זי איז פאַר'ן מלך נישט ערשינען.

ניין!... איך זאָג דאָס נאָר אַקעגען אונזערע דאַמען, וועלכע זענען געקומען אויפ'ן „טאָז"־באַל אין אַזעלכע קליידער, קליידער? כמעט אָהן קליידער, אָדער אַזוי ווי יענער זאָגט, אַז מען האָט די קליידער כמעט ווי נישט בעמערקט... מיט איין וואָרט, ושתי די קעניגען פון פּרס ומדי וואָלט זיך זיכער געשעמט צו קומען אויפ'ן באַל פון „טאָז" אין אַזאַ קלייד און אונזערע ווייבער האָבען גאָר שטאָלצירט אין זייערע בגדים...

יאָ, איך האָב שיעור פערגעסען, מען האָט דאָך אויסגעוועהלט אַ „מיס טאָז" נישט קיין קעניגען, (ס'איז שוין היינט נישט אין דער מאָדע) נאָר אַ גליק. איז כאָטש, וואָס די „מיס" האָט גראָד אַזוי ווי ושתי זיך נישט געוואָלט אָנטהון אין די דאָזיגע כמעט קליידער...

ווען ושתי וואָלט היינט געלעבט, וואָלט זי נישט געווען אַזאַ נאַר און וואָלט אויסגעפאָלגט דעם מלך'ס בעפעהל, נאָר אין אַזאַ הולך ווי מאַנכע ווייבער האָבען זיך געקליידט אויפ'ן באַל פון „טאָז" וואָלט זיך אפילו ושתי געשעהמט.

זיי זענען ווערט אנערקענונג.

כ'האָב זיך געטראַכט, אַז דער מנהג פון פערשטעלען זיך אין די טעג פון פורים און אַרומלויפען איבער די גאַסען וועט היי יאָהר צוליב דעם שווערען קריזיס בטל ווערען. וואָרום, ווער מען וועט דאָס ליגען אין זינען? דערווייל האָט היי יאָהר דאָס פערשטעלען זיך אָנגענומען אַ מאַסען כאַראַקטער. נאָך קיינמאָל האָט מען נישט געזעהן אַזוי פיעל פערשטעלטע.

אויך די קאָסטיומען און מאַסקעס זענען געווען אין אַ פערשוועדערישער רייכקייט, און זיי האָבען מאַרשירט מיט שטאָלץ און זיכערקייט איבער דער גאַנצער שטאָדט און נישט קוקענדיג וואָס ס'איז געווען זונטאָג האָבען זיי זיך נישט דערשראָקען פאַר די קריסטליכע לאַבוזעס, וועלכע האָבען פּרובירט זיי צו פערטשעפּען.

ווי עס ווייזט אויס זענען זיך די יודען מתקנא אין די קריסטען. אין די אָסטאַטקעס פערשטעלען זיך די קריסטען, וועלען מיר זיך פערשטעלען פורים, איהר געהט אַרום אין פערשידענ־

פון פיעל לענדער, למשל פון האלאנד געקומען מעהר איינקויפערס ווי מיט א יאהר צוריק. גראד די ניכטערע האלענדער דערפיהלען, אז די צייט ווערט שוין בעסער".

דירעקטאר באך, דער לייטער פונ'ם פערבאנד פון די דייטשע ווארענהייזער:

„אין די ווארענהייזער און אין אלע געשעפטען בכלל הערשט א שטארקער מאנגעל אין אלערליי סחורות. ס'איז ממש נישטא וואס צו פערקויפען און מיר מוזען אנהויבען איינצוקויפען. אמת אז מיר ווילען דערווייל נאר איינקויפען אויף איבער אסטערן און אונזערע בעשטעלונגען אויף שפעטער ווילען מיר אויפגעבען מיט א בעדינג, אז וויבאלד דאס אסטער-געשעפט וועט זיין שוואך, זאלען מיר מעגען א טייל שטרייכען.

איך האף אבער, אז דערצו וועט נישט קומען און מיר ווילען מאכען גאנץ גוטע געשעפטען. די פריוואטע קויפען שוין לאנג נישט און סוף-כל-סוף מוז יעדער מענש קויפען עפיס נייעס".

פיליפ ראזענטאל, דער שעף פון דער גרעסטער פארצעלאן פאבריק.

„אין דער לעצטער צייט איז עס אין אונזער בראנזשע בעסער געווארען. פארצעלאן איז היינט פיעל ביליגער ווי פאר'ן קריג און יעדער ווייסט היינט, אז ער וועט קיינמאל נישט האבען קיין מעגליכקייט אזוי ביליג איינצוקויפען ווי גראד איצט".

דער פארשטאנד פונ'ם דייטשען מעבעל-פערבאנד מילדנער.

„זייט'ן יאהר 1928 זענען די מעבעל-פרייזען געפאלען 42 פראצענט. ווען מ'זאל ווילען היינט גענוי רעכענען, מוז מען העכערען די פרייזען מיט ווייניגסטענס 20 פראצענט, בכדי צו דעקען די אייגענע קאסטען. די מעבעל-הענדלער האבען דאס איינגעזעהן און אין דער לעצטער צייט איז אין דער מעבעל-בראנזשע בעסער געווארען, פיעל פאבריקען האבען איצט ווידער אנגעהויבען צו ארבייטען. אודאי האבען זיך אויך געמוזט איינריכטען צו מאכען יענע זארטען מעבעל, וועלכע מ'בענויטיגט איצט אין א צייט פון וואזינונגס-מאנגעל".

דער דירעקטאר פון דעם פערבאנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע, מייער:

„מיר ברענגען צום ערשטען מאל קיין לייפציג אנ'אויסשטעלונג פון אלערליי טעקסטיל-סחורות, ווייל מיר זענען בטוח, אז איצט הויבט שוין אן בעסער צו ווערען. די פרייזען קענען שוין נישט טיעפער געהן און דאס געשעפט מוז בעסער ווערען".

דר. אלפערט מילער, דער פרעזידענט פון דער לייפציגער בוי-מעסע:

„די בוי-ארבייטען ווילען דאסמאל זיכער בעסער זיין ווי און לעצטען יאהר, ווייל מיר פערמאגען היינט אין דער בוי-בראנזשע אזויפיל נייאיקייטען, אז דאס בויען איז היינט זעהר ביליג. איך רעכען, אז די וואס האבען ביז איצט געשפארט און נישט געוואלט אויסגעבען קיין פעניג, ווילען איצט איינזעהן אז די בעסטע זאך איז אויפצובויען א דאך איבער'ן קאפ. דאס איז היינט זעהר ביליג.

בלי שום ספק קען מען ענטפערן אויף אייער שאלה מיט הונדערטפראצענטיגע זיכערקייט: יא, ס'ווערט שוין טאקי בעסער!..."

הלואי!!!

צבי שילדהויז.

פאליטיק פון נוהאט.

מיט א קורצער צייט צוריק איז פארגעקומען א קאנגרעס-געריכט אין בערלין איבער די מאנדאטען-פערטיילונג אין פאלעסטינא-אמט.

די גרופע „עת לבנות" אין פוילען איז געווארען אנגעקלאגט דורכ'ן ד"ר ראזענבלאט, וועלכער האט געפאדערט דעם מאנדאט פון „עת לבנות" פאר זיך, און דער רעזולטאט איז געוועזען, אז דאס קאנגרעס-געריכט האט אנערקענט דעם מאנדאט פאר דעם לעצטען.

איך וועל זיך דא נישט אבשטעלען אויף די מאטיווען פון אורטייל, נאר איבער דעם אין וואס עס בעשטעהט די גאנצע אנקלאגע געגען דעם „עת לבנות".

ווי בעוואוסט האבען זיך אין צעהנטען אלפוילישען ציוניסטען-צוזאמענפאהר נישט בעטייליגט די רעוויזיאניסטען און „עת לבנות", אזוי אבער ווי מ'האט נישט געוואלט, אז ס'זאל הייסען דאס דער צוזאמענפאהר בעשטעהט פון בלויז „על המשמר", האבען זיך די לעצטע פעראייניגט מיט די אומצופרידענע טיילען פון די גרופען, וועלכע האבען זיך אין צוזאמענפאהר נישט בעטייליגט, אזוי האט מען געשאפען קוים א מנין מענשען מיט'ן נאמען „רעפארמיסטען" און איבער נאכט, שוין „אונאבהענגיגע רעוויזיאניסטען" אין א קליינער טייל, וועלכע האבען געהערט צים „עת לבנות" מיט'ן דר. ראזענבלאט אין דער שפיץ און אויפ'ן צוזאמענפאהר האט דער לעצטער זיך געהאלטען פאר'ן הויפט-בעל-הבית פון „עת לבנות" און ער האט געפונען פאר נויטיג די גרופע אויפצולעזען.

און אט ביי דער רעארגאניזירונג פון פאלעסטינא-אמט האבען זיך געשאפען צוויי בלאקען. איין בלאק איז בעשטאנען פון רעוויזיאניסטען, מזרחי און עת לבנות (די לעצטע זענען געווען פערטרעטען דורך ה' דר. גאטליב) און דער צווייטער איז בעשטאנען פון די לינקע מיט על המשמר, אזוי אז דער בעשטאנד פון יעצטיגען פאלעסטינא-אמט און זיין צוזאמענשטעל. האבען נישט צופרידענגעשטעלט די לעצטע, און מען האט אנגעהויבען ארבייטען מעשים, אז עס זאל געשאפען ווערען א לינקע מעהרהייט און מען האט דעם פארשטעהער פון „החלוץ" געוואלט געבען וואהל רעכט ביים אויסקלויבען דאס פרעזידיום, וועלכען דער אקציאנס-קאמיטעט האט איהם נישט געגעבען. און ווען דאס איז נישט געלונגען האט מען זיך גענומען צו אנ'אנדער מיטעל, מען האט אנגעקלאגט דעם עת לבנות און בעזונדער די הויפט אונבעקוועהמע, די רעוויזיאניסטען, דורך די כלומרש'ט „אונאבהענגיגע", וועמענס גרופע בעשטעהט סך-הכל פון 9 מניגים מענשען, וועלכע האט אויך געפאדערט פאר זיך איין ארט אין פאלעסטינא-אמט. דער רעזולטאט איז געווען, אז די אנקלאגע פון די לעצטע איז באלד געווארען אבגעווארפען, דאנעגען איז יא געווארען צוגעטיילט דער מאנדאט פון עת לבנות פאר דעם, וועלכער האט זעלבסט די גרופע אויפגעלעזט.

נאך דעם אורטייל פון קאנגרעס-געריכט האט דער „היינט" איבערגעגעבען די רעזולטאטען פון געריכט און ער האט גלייך בעמערקט, אז יעצט נאכדעם ווי ה' דר. ראזענבלאט האט דעם מאנדאט בעקומען, וועט שוין קומען צו אנ'אויסגלייך און דער לעצטער וועט וואהרשיינליך שטימען פאר די פארשלאגען פון די לינקע.

און מיט דעם אויסגאנג פון אורטייל האט דער „על המשמר" געמיינט: ערשטענס, וועט דער בלאק פון די רעכטע ווערען אבגעשוואכט, און צווייטענס וועט דער אויסגאנג אפשר ווירקען אויף דעם ה' דר. גאטליב, אז ער זאל ווערען א בעל-תשובה...

און אט האבען מיר געלייענט אין דער פרעסע, אז נישט קוקענדיג אויף דעם אורטייל, וועט דער „עת לבנות" מיט דר. גאטליב בראש נאכמעהר פערשטארקען זיין ארבייט און דער פערמשפט'ער זעלבסט האט געשריבען אנ'ארטיקעל אין „היינט" א.נ. „דער פסק דין", וואו ער ווייזט אן, אז זיין שולד איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער האט פארלאנגט סערטיפיקאטען פאר'ן מיטעלשטאנד און דערפאר וואס ער סאלידאריזירט נישט דעם היינטיגען צ. ק. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכער בעשטעהט הויפטזעכליך פון על המשמר, און דאס היכציגסטע איז דאס, וואס מען האט געמיינט, אז ער וועט ווערען א „חוזר בתשובה", פיהרט גאר אויס אין זיין ארטיקעל, אז ער בארעכטיגט ווייטער די פערטיילונג פון סערטיפיקאטען פאר'ן מיטעלשטאנד און א טריט עמיגראציע פאר'ן גאנצען יודישען פאלק.

אט אין וואס פאר א מאכינאציעס מען וויל ארונטערברעכען דעם אויטאריטעט פון די, וועלכע ווילען בערעכטיגען די פרייהייט פון גאנצען יודישען פאלק.

טעאטער-נאטיצען.

קאמעראל-טעאטער.

פרל. מאליטשעווסקא, דראמע אין 3 אקטען פון ג. זאפאלסקא, רעזשי א. גאל.

דער אינהאלט א באנאלער, פיעל מאל בעהאנדעלטער. א פשוט מיידעל וויל זיך ארויסרייסען פון איהר גרויען, ארימען לעבען, שטרעבט צו א סצענע-קאריערע (אגב קומט דער דאזיגער מאמענט נישט ארויס בולט אין דער דראמע. ס'איז נישט קלאר צי דער כח-הדוחף איז א ריין-קינסטלערישער, צי דאס איז ביי איהר נור א מיטעל ארויסצובעקומען זיך פון איהר לעבענס-ארט) ווערט א ליבהאבערין פון אנ'אלטען בעל-עבירה'ניק, ווייל איהם פטור ווערען און פערליבט זיך (כמעט) אין זיינס א חבר, וועלכער זאגט איהר צו כל-טוב, וועלענדיג לאזען זיך וואויל געהן אויף זיין בעקאנטען'ס השבון.

ווי יעדע פרוי—און בעזונדערס געפאלענע—שטרעבט זי אין מינוטען פון ניכטערקייט צו א ביסעל ווארימקייט, עכטער מענשליכער ליבע. זי ווענדט זיך אין דריטען אקט צו איהר שוועסטער:

— מיכאשא, כ'וואלט געוואלט אזוי ליעבען ווי אלע מענשען. צי קען איך נישט געליעבט ווערען?

און די שוועסטער ענטפער איהר:

— אזא ליעבע איז נישט פאר דיר. אזאלכע ווי דיך ליעבט מען אנדערש. מ'שעהמט זיך מיט זיי בייטאג און מ'ווייזט זיך מיט זיי נישט אין ערגיץ.

זי זעהט צום סוף, אז דער צווייטער דעם געליעבטען'ס חבר איז זיך נישט נוהג בעסער פון ערשטען, די זעלבע בעציהונג, שיקט אויך ארויס די דינסט פאר'ן ארויסגעהן פון שטוב, צי קיינער געפינט זיך נאר חלילה נישט אויף די טרעפ. ער מוז זיך רעכנען מיט דער סביבה: מ'שדכנ'ט איהם א רייכען שדוך און ס'שטעהט איהם פאר א קאריערע..

זי בוגטעוועט זיך, וויינט און צום סוף מאכט זי שלום דערמיט, ווייל... זי דארף בעצאהלען דירה-געלד און מוז דעקען אויך אנדערע חובות.

*

א מעשה פון א סך. און דאס שפילען?

די אויפפיהרונג איז בכלל געווען א שוואכע, די דראמאטישע סצענעס זענען נישט אויסגענוצט געווארען ווי געהעריג ע. ב. דער מאמענט אין ערשטען אקט ווי דאום (ברעם) וויל בעפאלען דאס פרל. מאליטשעווסקא (זאקושינסקא), אין וועלכער ס'איז פערהאן פיעל דינאמיק האט נישט געמאכט דעם געפאדערטען איינדרוק צוליעב דעם שנעלען טעמפא פון איבערגעבען די סצענע. אזאלכע שטארקע מאמענטען מוזען געשפילט ווערען דויערענדער, כדי דער צושויער זאל האבען א יכולת איבערצולעבען און איבערצונעמען זיך מיט די סצענע-געשעהענישען.

אויך זענען נישט אויסגענוצט געווארען דורך דער הויפט שפילערין די דאנקבארע סצענעס אין לעצטען אקט. פ. זאקושינסקא, די דאזיגע בעגאבטע ארטיסטין, וועלכע האט שוין געשאפען ערשטקלאסיגע קרעאציעס, איז דאסמאל נישט געשמאנען אויף דער געהעריגער קינסטלערישער הויך. איהרע אינערליכע ראנגלענישען, איבערלעבענישען, שטימונגס-איבערגאנגען, זענען ארויסגעקומען פערנעפעלט; איהרע חרטה געפיהלען, טראגיזם און פערפלאנטערטקייט האבען נישט געווירקט, נישט מיטגעריסען.

דאגעגען עטליכע קלענערע ראלען זענען אויסגעפיהרט געווארען געלונגען: פרוי גאל אין דער ראל פון מיכאשאוואַ איז געווען זעהר גוט. זי האט זיך דורך דער גאנצער דראמע אדורכגעשלייכט אויף דער סצענע, ארייננברענגענדיג הייטערקייט אין דער אקציע מיט איהרע לאקאנישע בעמערקונגען; פ. קאפיאווסקא אין ערשטען אקט אלס וועשען האט איהר קליינע, אבער כאראקטעריסטישע ראל, אויסגעפיהרט מיט טיעפער פערשטענדניש און זעהר געלונגען. אויך דער יונגער ארטיסט קאסטרזשינסקי האט געמאכט א פאזיטיווען איינדרוק. ער איז נישט ארייננגעפאלען—וואס איז אינ'ם דאזיגען פאל זעהר לייכט—אין שארזש און פשוט אין פיעל מאמענטען אימפאנירט. (די שילער-סצענע מיט'ן אנטייל פון לעצטען איז אבער ארויסגעקומען צושוואומען). ס'האט געפעהלט אין איהר האלטונג און רעזשיסערישע צעמענטירונג דאס דרעהען זיך פון די סטאטיסטען אויף דער ביהנע האט מאנכעס מאל ארויסגערופען א שמייכעל.

*

איצט עטליכע אלגעמיינע בעמערקונגען.

מעגליך, אז דאס מאטעריאל גופא איז געווען אין געוויסער מאס די סבה פון דער שוואכער אויפפיהרונג. אבער מיר מוזען נעמען אין אכט, אז אנוועדען דעם דאזיגען תירוץ קען מען עווענטועל לגבי אמאטארען, וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט קונסט אלס געסט, צוליעב דעם איז דער קריטערייום און צוגאנג צו זיי אנ'אנדערער.

ארטיגע קאסטיומען, מיר דאס זעלבע. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס די קריסטען האבען אנגעטהון יודישע מאסקעס און אונזער חבר'ה אייראפעאישע אדער ארץ-ישראל קאסטיומען.

כ'ווייס נישט, וואס פאר א מיינונג איהר האט וועגען די דאזיגע יוגענד, איך למשל, בין שטארק צופרידען. דאס בעווייזט, אז די יודישע יוגענד לאזט זיך נישט בעהערשען פון די ארומיגע נויט, נאר מיט אויפגעהויבענע קעפ און פעסטע טריט נעמט זי פון לעבען דאס וואס איהר קומט און אויך, אז זיי ווילען נישט מותר זיין. איהר פרעהט זיך מיט די אסטאטקעס, פרעהען מיר זיך מיט פורים, וועלכער דערצעהלט וועגען המנ'ס מפלה. און נאך דערצעהלען די מאסקעס ווי אויך די שמחה, וועלכע בעהערשט אונז אין פורים, אז נישט קוקענדיג דערויף וואס אויך היינט שטעהען אויף המנ'ס. מעגען זיי זיי הייסען היטלער אדג"ל, ווילען מיר זיי איבערלעבען און זיי ווילען האבען א שווארצען סוף.

די יודישע יונגעלייט פאר זייער אונז פרעהליך מאכען פורים, זענען ווערט אנערקענונג.

עס איז שוין איינמאל געוועזען היימליך.

דער ברית-טרומפעלדור האט לכבוד פורים איינגעארדענט א פורים-באל א.נ. „עדלידע".

די רעוויזיאניסטלעך דאס זענען פייערדיגע חברה, זיי זענען אידעאליסטען מיט א מיליטערישע דיסציפלין. אויך זענען זיי טעמפעראמענטפולע. ס'וועט נישט זיין קיין עולה, אז מען וועט זיי אגרופען חסידים, אלץ טהוען זיי מיט התלהבות און ברען.

קוים האבען זיי בעשלאסען צו מאכען א באל האבען זיי זיך דערצו גענומען פעסט.

האבען זיי איינגעארדענט זיצונגען און געשאפען אהן א שיעור קאמיסיעס מיט סוב-קאמיסיעס און מען האט געשוויצט און געהארמידערט.

די לעצטע מינוט אבער, הארט פאר'ן באל האט זיך בעוויזען א מעלדונג אין די ארטיגע פרעסע פון קרן-קימת, אז זיי ארדנען נישט איין קיין פורים-בעלער, האבען זיך די רעוויזיאניסטען דערשראקען.

עס האט געהייסען, אז מען געהט מאכען אנ'אטאקע אויף זייער באל, דאס האט זיי אבער נאך מעהר צוגעגעבען מוהט און זיך גענומען צו דער ארבייט.

אז זייער ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג האט בעוויזען דער עולם, וועלכער האט אין די שווערע הונדערטער איבערפולט דעם זאל אזוי אז ס'האט אויסגעפעהלט אטעם.

און מערקווירדיג, אויפ'ן באל פון „טאז", וועלכער איז פארגעקומען מיט א נאכט פריהער, זענען געקומען די אזוי גערופענע אריסטאקראטען און דא אויפ'ן „עדלידע"-באל זענען געקומען די יוגענדליכע אינטעליגענץ ווי אויך אביסעל „עמך".

אויף אזא עולם האבען זיך די איניציאטארען אליין נישט גערעכט.

יא, אויפ'ן באל איז אויך פארגעקומען א ארץ-ישראל רעווי און דער עולם האט גאר שטארק אנגעקוואלען פון דעם אראבער-נומער.

מיט איין ווארט, עס איז שוין געוועזען איינמאל היימליך.

אנדערע פערוויילונגען.

אויסער די אויבען-אויסגערעכענטע פערוויילונגען זענען נאך פארגעקומען א גאנצע רייהע שמחות שוין נישט-אפיציעלע.

אזוי איז פארגעקומען פערוויילונגען אין א רייהע ארגאניזאציעס און חברות ווי אויך אין די שולען סיי אין דער פאווּשעכנע שולע, ווי אויך ביי אונזערע קלענסטע פון די קליינע אין דער אכראנקע, וועלכע האבען געגעבען א וואונדערבארע פארשטעלונג אויף זייער שטייגער.

קורץ, דער הייריגער פורים האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרעהליכקייט און שמחה, הלואי, זאל אזוי אונזער לעבען און פרנסה זיין א גאנץ יאהר...

כרחם אב על בנים...

ווי אזוי דער דאזיגער פסוק איז אמת, קען בעווייזען פאלגענדער פאקט:

אויף סענאטארסקא גאס וואוינט די פאמיליע ק., א פאטער מיט צוויי טעכטער, דער פאטער איז פאר עטליכע יאהר צוריק געווארען א. קאליקע, דאס אבער וואלט נישט געשאדט, ווען נישט די אייביגע קריגערייען, וועלכע קומען פאר צווישען דעם פאטער מיט זיינע קינדער, פון וועלכע די גאס האלט אין איין רעדען, געבענדיג גערעכט די קינדער.

דאס וואלט אבער אונז נישט אנגעגאנגען, קיינער האט נישט ס'רעכט זיך ארייינצומישען אין יענעמס פאמיליען-לעבען, ווען ס'וואלט נישט געשעהן פאלגענדער מרוויגער אינצידענט.

קעגענאיבער דער פאמיליע ק. וואוינט א קריסטליכער שכן, האט דער יונגער שנק פערשעפעט די טאכטער פון דעם פיינעם טאטען און האט זי דאגאר אנגעשלאגען, האט זי איהם פערקלאגט אין געריכט. שטעלט אייך פאר, אז דער קריסט האט נישט ארייינגעגעבען קיין אנדערען עדות קעגען די אנקלאגערין ווי גאר איהר אייגענעם פאטער, וועלכער האט אונטער א שבועה ערקלערט, אז זיין טאכטער איז א נערוועזע, א שטיק שלאק און אז דער שנק איז א פיין, עהרליך קינד, נאר זיין טאכטער איז אין אלעמען שולדיג.

אז זי האט פערשפיצלט איז, דאכט זיך איבריג צו דערצעהלען. רעדט מען טאקי אין דער סענאטארסקא גאס וועגען דעם, כרחם אב על בנים.

יודישע פרנסות ווערען ארויסגעריסען פון יודישע הענד.

יענע וואך האב איך אייך דערצעהלט וועגען פערשידענע דאסטאוועט, וואס יודען האבען צוגעשטעלט אין פערשידענע אינסטיטוציעס, ווי למשל אין דער היגער טורמע, ווי אויך אין די שפיטאלען און מען האט עס ארויסגעריסען פון זייערע הענד. איצט דערצעהלט מען וועגען א נייע אונגערעכטיגקייט, וואס ס'איז געשעהן יודישע אונטערנעהמער.

אלע ווייסען דאך וועגען דער בעוואוסטער מיהל, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען דורך ה' ק-ר און זי איז שפעטער אבגערינגען געווארען דורך די ברידער רובינשטיין, וועלכע האבען ווי מען שמועסט צו איהר צוגעלייגט א סך געלד. לעצטענס, ווען דער קאנטראקט האט זיך געענדיגט און זיי האבען אזאלכען געוואלט בענייען, נאר אויף אנדערע בעדינגונגען, צוגעפאסט לויט די געשעפטען, האט זיך זיי דאס נישט איינגעגעבען און די מיהל איז פערדינגען געווארען דער קריסטליכער פירמע פילץ, וועלכע האט לויט דער פעראָרדנונג פון דער מאכט, צוליעב א סכסוך מיט די אלטע ארענדאטארען פערחתמ'עט די מיהל.

דער דאזיגער מהאט, וואס האט ארויסגעריסען א פרנסה-צווייג פון יודישע הענד, האט געמאכט אויף די יודישע מעהל-סוחרים א שווערען איינדרוק.

לויתן

דאגעגען ווען מיר מאכען אבהענגיג דעם מיסערפאלג ביי ארטיסטען לגמרי פון דער באנאליטעט און וואלארען-מצומצום'קייט פון דער שאפונג, איז עס א גוזמה און פיעל מאל כמעט א לייכטזין, ווארום צוריקגעשמועסט זע-נען דאך אלע ארומרינגלענדע ערשיי-נונגען באנאלע און וואכעדיגע, און דאס גאנצע ארומדרעהען זיך פון דער בחיר-חיצירה אויף אונזער וועלט'ל, שמעקט דאך מיט גראהקייט.

נור אזוי ווי דער יוד, דער מאמין גלויבט, אז זיין ארומבלאנקען זיך אין דאזיגען פרוזדור מיט זיין גאנצען תוזר-חלילה'דיקייט האט א טיעפען זין; שטענדיג, אפילו אויפ'ן זינדיגסטען ארט דארף מען מוצא זיין צו „ניצוצין קדו-שים", אז תמיד קען מען עפיס מתקן זיין.—אזוי דארף דער אמת'ער ארטיסט געפינען אין יעדער שאפונג די פינ-קען, וואס זענען אין אלע צייטען מענש-ליך-ריהרענד, הייליג און אמת'דיג.

און צו דער דאזיגער מדרגה פון אריינברענגען דעם ארטיסטישען רוח-החיים אין יעדער יצירה, דארפט נישט קומען דורך קאמפליצירטע מיטלען, דורך קולי-קולות, נור דוקא מיט דער הילף פון פשטות, דורך מיטלעבען און מיטפיהלען, נישט פאטאגראפירען נור מיטשאפען, ווערען א שותף פון מחבר.

און פשטות וועט שטענדיג אונז מיט-רייסען און בעזונדערס אין דער איצ-טיגער פערוואָרטער טעכנאקראטישער, פערדיפלאמאטירטער צייט. מיר פער-געסען זיך אין דאזיגען פשטות ווי אנ'-אמת'ער יוד בעת ער זאגט צום אונ-צעהליגען מאל די פשוט'ע און הארצי-גע ווערטער פון תהלים.

איז אנ'ארטיסט נישט צוגעקומען צו דער דאזיגער קינסטלערישער מדרגה און נעמט זיך דערצו צו אונדאנקבאר מאטעריאל. לאנגווייליגט ער, בטל'ווע-רענדיג אלייך אינ'ם פסולת פון דער שאפונג, ער איז דאמאלס אין א פער-קערטער ראל פון ר' מאיר: ער נעמט די קליפה אוןווארפט אוועק דעם תוך, דעם פינק, דאס אייביג-מענשליכע, תמיד ריהרענדע..

פ. בלומענקראנץ.

הער ראדיא!

אנטיסעמיטיזם — אנ'ערשיינונג פון אלגעמיינער רעאקציע.

(פון דער פ. פ. ס.'ישער פרעסע).

אונטער'ן קעפעל „דאס פראבלעם פון אנטיסעמיטיזם" שרייבט מיעטשיס-לאוו ניערזיאלקאווסקי אין „ראבאטניק", אנקניפענדיג צו דער פאלעמיק, וואס איז ענטשטאנען אין דער ווארשאווער פרעסע נאך דעפ. ליבערמאנ'ס רעדע אין סיים.

„פאלעמיזירען מיט דער אייגענאר-טיגער „קאמפאניע", שרייבט ער, האב איך קיין שום חשק נישט, ווארום דער דער פארוואורף פון „אנטיסעמיטיזם" געווענדט אויפ'ן אדרעס פון דער פוי-לישער סאציאליסטישער בעוועגונג איז א צו לעכערליכער פארוואורף, אז מ'זאל וועגען איהם קאנען שרייבען און רעדען ערנסט... די פויליש סאציאליס-טישע פארטיי פערשטעהט, אז אנטיסע-מיטיזם איז זעלטען אנ'ערשיינונג „אליין אין זיך" און טרעט צוזאמען ארויס אויף דער סצענע, ווי א סימפטאם און רעזולטאט פון אלגעמיין-רעאקציאנערע שטרעמונגען; אין אונזער היסטארישער עפאכע איז ער איינער פון די רעזול-טאטען פון פאשיזם. דער קאמף פון סאציאליזם געגען פאשיזם, נאציאנא-ליזם, מיליטאריזם נעמט שוין ממילא אויך ארום דעם קאמף נעגען אנטיסע-מיטיזם...

די פאליטיק פון די יודישע בירגערלי-כע קרייזען אין פוילען — חוץ גרינ-בוים'ס גרופע — איז איצט געווען די פאליטיק פון עקסטרעמסטען אפארטו-ניזם לגבי דעם סאנאטארישען רעזשים, אננעהמענדיג אפ זמאל גראטעק-פארמען, ווי אין פאל פון דער פובליציסטישער „טעטיגקייט" פון „נאש פשעגלאנד", וואס אייללט ביי יעדער געלעגענהייט דער סאנאציע צו הילף — איך ווייס נישט — א געבעטענער צי א נישט-געבעטענער.

„מיר שאנעווען נאטירליך נישט און וועלען נישט שאנעווען די רעאקציאנע-רע ראלע פון די יודישע בירגערליכע פאליטיקער אין לעבען פון פוילען. דאס וואס עמיצער געהערט צו א נאציאנא-לער מינדערהייט, בעפרייט איהם אב-סאלוט נאך נישט פון דער אחריות פאר רעאקציאנערער האנדלונג אין אלגעמיין-געזעלשאפטליכע און אלגעמיין-פאליטי-שע פראגען".

איבערגייענדיג צו דער פראגע וועגען אויטאנאמיע אין די הויכשולען, וואס צוליב דעם איז ענטשטאנען די פאלעמיק אין דער פרעסע, שרייבט ניעדזיאלקאווסקי, אז מ'קען די אויטא-נאמיע-פראגע נישט אפהענגיג מאכען דערפון, צי אין געגעבענעם מאמענט איז די מעהרהייט סטודענטען און פרא-פעסארען ענדעקעס אדער ניין.

„אט פארוואס איך קען נישט פער-שטעהן די בעזאָפעניִשען, וואס עס האבען צו ליבערמאנ'ס רעדע געמאכט אייניגע בונדישע פובליציסטען... פאר-וואס האט דעפ. ליבערמאן נישט גע-טאדעלט די אנטיסעמיטישע אינצידענ-שען אין די הויכשולען? ווייל די פאר-טיי, וואס אין איהר נאמען האט לי-בערמאן גערעדט, האט שוין 10 מאל די זעלבע אינצידענטען עפענטליך גע-טאדעלט. איך וואלט פונקט אזוי גע-קאנט נעהמען אויפ'ן אפעראציע-טיש וועלכען עס איז ארטיקעל, למשל, פון דער „פאלקס-צייטונג" וועגען ציוניזם און אויפווייזען „שווארץ אויף ווייס", אז אט דער ארטיקעל בעקעמפט „צו ווייניג" די סאנאציע.

די פייערליכקייטען לכבוד דעם נא-מענס-טאג פון מארשאל יוזעף פיל-סודסקי.

דער לעגיאניסטען - פערבאנד אין טשענסטאכאוו בעט אונז מיטצוטיילען, אז זונטאג, דעם 19 ד. ח. 8.15 א זיי-גער אווענד וועט פארקומען אין קאמע-ראל-טעאטער א פייערליכע אקאדעמיע, געווידמעט דעם ערשטען מארשאל פון פוילען, יוזעף פילסודסקי.

אזוי ווי די דאזיגע פייערליכקייט האט א רעפרעזענטאטיווען כאראקטער ווערען די פארשטעהער פון דער מאכט און פון די אינסטיטוציעס געבעטען צו ווענדען זיך וועגען בילעטען צו ה' יאניס (אין דער באנק זיעמיאנסקי, 2 טע אלעע 19).

בילעטען אויף דער אקאדעמיע קאן מען בעקומען אלע טעג ביז האלב 3 נאכמיטאג און שבת ביז 1 א זייגער אין דער „באנק זיעמיאנסקי" ווי אויך זונטאג פון 5 נאכמיטאג אין דער קאסע פון טעאטער.

דער אויספיהר - קאמיטעט פון די פייערליכקייטען לכבוד דעם נאמענס-טאג פון מארשאל יוזעף פילסודסקי מאכט בעקאנט אלע פעראיינען, געזעל-שאפטען, אינסטיטוציעס, דירעקציעס, און לייטונגען פון די שולען, אז די ארדנונג, לויט וועלכער ס'וועלען שטעהן די ארגאניזאציעס און אבטיילונגען, וואס וועלען אנטיילנעמען אין דער פייערליכ-קייט, אזוי גוט בעת דעם „צאפסטשיק" דעם 18 ד. ח. ווי אויך בעת דער דע-פילאדע דעם 19 ד. ח., וועט רעגולירען דער פלאץ-קאמענדאנט, מאיאר לעב-קאווסקי.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן נאמענסטאג פון ערשטען פוילישען מארשאל יוזעף פילסודסקי, ווי אויך מיט'ן 40-יעה-ריגען יובילעאום זייט פילסודסקי האט אנגעהויבען זיין טעטיגקייט פאר פוי-לענ'ס בעפרייאונג פון אונטער'ן צארי-שען יאך, ווערען אין זיי היגע שוהלען איינגעארדענט פייערליכע גאטעס-דינענס-טען.

אין דער נייער שוהל וועט די דא-זיגע פייערליכקייט פארקומען מארגען שבת, האלב 11 א זייגער פריה.

אין דער אלטער שוהל וועט די ספע-ציעלע גאטעס-דינסט אבגעריכט ווערען איבערמארגען זונטאג 11 א זייגער פריה.

און די פייערליכקייטען אין דער אל-טער שוהל וועט צום ערשטען מאל ארויסטרעטען דער ניי-געגרינדעטער „כאר אויפ'ן נאמען פון א. ב. בירנ-בוים", וועלכער בעשטעהט פון די בעס-טע זינגער פון אונזער שטאדט און ווערט אנגעפיהרט דורכ'ן בעקאנטען מוזיקער ה' לעווקאוויטש.

ערקלערונג.

אין שייכות מיט'ן נאטיץ אין „אונ-זער וועג" א. ג. „גיט צוריק די 3.000 זלאטעס" בעמערק איך פאלגענדעס:

נישט אמת איז די איבערגעגעבענע ידיעה, אז די יעצטיגע קהלה-פערוואל-טונג האט געבארגט ביים רעטונגס-קא-מיטעט 3.000 זל.; דאגעגען איז אמת אז די קהלה איז שולדיג געווען דעם רעטונגס-קאמיטעט בעת'ן איבערנעמען די פונקציע דורך דער נייער פערוואל-טונג 6.132 זל. און היינט בעטרעפט דער חוב נור 5.794 זל.

י. ראזענבערג

פא-זיצער פון דער קהלה פערוואלטונג.

די אקציע פון „בית לחם" פאר ארימע קינדער.

ווי מיר ווערען געוואויר האט די אקציע, וועלכע דער „בית לחם" האט אונטערגענומען, כדי צו פערשאפען ארי-מע קינדער א לעפיל געקעכטס, א גרויסען ערפאלג. דער פרויען-קאמיטעט וועלכער איז אויף דער פרויען-פער-זאמלונג פון „בית לחם" געשאפען גע-ווארען, האט זיך שוין קאנסטיטואירט און אנגעהויבען זיין טעטיגקייט. אלס פארזיצענדע איז געווארען געוועהלט פרוי דיר. ראמאנאווא מארקאוויטש, אלס וויצע-פארזיצענדע פרוי יוזעפאווא אימיך, סעקרעטארין—פרוי אינזש. פ. דאווידאוויטש, קאסירערין—פרוי אינזש. אלפרעדאווא קאן. ביז יעצט האט מען שוין געקענט פערשאפען אנ'ערך 30 קינדער יעדען טאג מיטאגען ביי פא-מיליעס. א חוץ דעם האט מען שוין געזאמעלט געגען הונדערט דעקלארא-ציעס פון פרויען, וואס פערפליכטען זיך צו צאהלען א געוויסען בייטראג (אנשטאט מיטאגען) פון 1 זל. ביז 6 א חודש, כדי מען זאל קענען קינדער געבען ווארימע מיטאגען. מיר מוזען אבער בעטאנען, אז דאס וואס איז דערגרייכט געווארען שטעהט אין קיין שום פערהעלטניש צו דער נויט, וואס הערשט אין דער יודישער גאס. מיר אפעלירען דעריבער צו אלע פרויען, וואס האבען זיך נאכנישט דעקלארירט, זיי זאלען ערפולען זייער חוב און זיך פערפליכטען צו געבען א ארים קינד א פאר מאל אין דער וואך א מיטאג, אדער צו בעצאהלען אנ'ענטשפרעכענ-דען אבצאהל. אנמעלדונגען נעמט אן דער סעקרעטאר פון „בית לחם" ה' סאמסאנאוויטש, אלעע 8.

פון „פועלי ציון" (פאר מיט צ.ס.פ.)

עס ווערט מיטגעטיילט דאס די הי-גע „פועלי - ציון" פארטיי (פאר מיט צ. ס. פ.) איז איבערגעגאנגען אין א נייעם שוין רעמאנטירטען לאקאל אויף קאפערניקא 11 (הויף 1-טער שטאק). דארטען געפונט זיך אויך דער לאקאל פון די יוגנט ארג. „פרייהייט".

פרייטאג דעם 17-טען ד. ח. פונקט-ליך א זייגער 8 אווענד קומט פאר אין איבענדערמאנטען לאקאל צום ערש-טען מאל אין טשענסטאכאוו א לעבע-דיגע צייטונג מיט א ליטערארישען, פאליטישען, ספארטליכען און הומאריס-טישען טייל.

אייננאנג פאר חברים און סימפאטי-קער.

אבשפארונגען אויף העכער 440 מיליאן זל.

דער פאקט, דאס אין פוריגען יאהר זענען די וקלאדען אין פ. ק. א. גע-שטיגען מיט א רעקארד-כובע פון 116 מיליאן זלאטעס, דערגרייכענ-דיג דעם ריזיגען לויט אונזערע פערהעלטניסען סכום פון העכער 440 מיליאן זל., דארף ערקלערט ווערען אין דער ערשטער רייהע דערמיט, וואס פ. ק. א. איז א יורידישע פערזאן, וואס גאראנטירט געזעצליך איהרע קליענ-טען די געהיימניס פון די וקלאד'ען, ד. ה., אז קיינער חוץ דעם אייגענטי-מער קען זיך נישט דערוויסען וועגען דער פומע געלד, וואס איז פערשריבען אין אבשפאר-ביכעל.

אלא לילית און וו. גאדיק אין טשענסטאכאוו.

אין קורצען וועלען אויפטרעטען ביי אונז אין שטאדט די בעקאנטע ארטיס-טען אלא לילית און וו. גאדיק.

ווען? וואו? וואס? — אין די ווייטער-דיגע נומערן.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט, פרייטאג וועט אין קאמעראל-טעאטער אויפטרעטען נאר 1 מאל די בעריהמטע ארטיסטין פון „באנדא" און „מארסקיע אקא", ליבלינג פון ווארשא-ווער פובליקום, זארא קאלינובנא.

פר. קאלינובנא וועט אויספיהרען א גאנצע רייה לעצטע רעגוי-שלאגערען, אינצווישען אויך די בעריהמטע טאנגא „רעבעקא", וועלכע זי האט לעצטענס אויפגעפיהרט אין א גאנצער רייה שטעדט מיט קאלאסאלען ערפאלג.

פון בית"ר.

היינטיגען י"א אדר האט דער הי-גער בית"ר איינגעארדענט א אקאדע-מיע צו דער 13-טער יאהרצייט פון גרויסען פאלקס-העלד יוסף טרומפעל-דאר.

אין גרויסען זאל פון בית"ר איז אויסגעבויט טרומפעלדאר'ס קבר, בע-פוצט מיט בלומען און שווארצע קרע-פע, צוקאפענס שטעהט זיין בילד דע-קארירט און ביים קבר שטעהט דעם גאנצען מעת-לעת אנ'עהרען-וואך.

פונקטליך 8 אווענד הויבט זיך אן די אקאדעמיע פיי א פול - געפאקטען זאל פערעמדע פערזאמעלטע. מען זינגט זשאבאטינסקי'ס ליעד „בגליל-בתל-חי", דערנאך האלט דער מפקד פרק לאס-קער א רעפעראט, אין וועלכען ער ווייזט אן די העלדישקייט פון יוסף טרומפעלדאר אלס דער ערשטער יוד, דורך גאנצע 2 טויזענד יאהר, וואס האט זיך געוואגט אקעגענצושטעלען מיט א קליינע גרופע אזא מעכטיגען שונא.

עס רעדט נאכהער דער אח מפקדה מ. זעלצער, וועלכער ווייזט, אז די בית"רים זענען די ריכטיגע נאכפאלגער פון יוסף טרומפעלדאר און נישט ווי מאנכע רעדען זיך איין, אז טרומפעל-דאר איז געווען א סאציאליסט.

עס רעדט דאן דער אח מפקדה יוסף טרומפעלדאר ארום דעם פערגלייך פון בית"ר מיט יוסף טרומפעלדאר און ער שטעלט זיך בעזונדערס אב אויף דער טראגעדיע אין תל-חי, וואו טרומפעל-דאר האט מיט צופרידענהייט אויפגע-נומען דעם טויט פאר זיין פאטערלאנד.

עס דעקלאמירען נאך וועגען טרומפעל-דאר'ן אח צבי קאנטאר אין העברעאיש און די אחות ראזענשטיין אין פויליש.

מיט'ן געזאנג פון „מדן ועד באר שבע" ווערט די אקאדעמיע פער-ענדיגט.

אין אלגעמיין איז די אקאדעמיע אויסגעפאלען זעהר אימפאזאנט.

די נציבות פון בית"ר אין פוילען פראקלאמירט דעם ח' אדר אנ'אלגעמיי-נע צעהלונג פון בית"ר אין פוילען.

די צעהלונג קומט פאר צום ערשטען מאל.

קליידונג איז נישט קיין לוקסוס.

אין דער ערשטקלאסיגער ווערקשטעל פון דאמען בעקליידונג פון מ. פייגענ-בלאט, אלעע 18, קאן זיך שוין היינט צו טאג מאכען א מאנטעל אדער קא-סטיום יעדע דאמע. די פרייזען זענען צוגענגליך פאר יעדען און די ארבייט איז ערשטקלאסיג.

אין ווארטע-זאל פון דער קהלה

אביסעל איינדריקען.

וואס גערוימער עס ווערט ביי די יודען אין די קעשענעס אלץ ענגער ווערט אין ווארטע-זאל פון דער קהלה פון פעטענטען, וועלכע ווילען דער-צעהלען וועגען זייערע צרות און מען זאל „זעהן", אז זייער ביטע זאל ער-פולט ווערען...

וויל איך מאקי געבען עטליכע איינ-דריקען פון די דאזיגע אומגליקליכע וועלכע נארען זיך מיט דער האפנונג אין דער קהלה צו געפונען זייער הילף.

עס זיצט א הויכער יוד מיט א קליין גרוי בערדיל, מיט ברילען אויף די בלינדע אויגען אין דער בעגלייטונג פון אנ'עלטערער יודענע, (מסתמא זיין ווייב) און האלט אין איין רעדען, אז מען זאל איהם אריינלאזען צום פרע-זעס, ער מוז מיט איהם רעדען און וועט מיט איהם רעדען...

ווען חונטשע ערקלערט איהם, אז דער פרעזעס איז איצט פערנומען און קען איהם נישט אויפנעמען, ווערט ער אין כעס און הויבט אן צו רעדען א גאנץ מענה לשון:

„וואס הייסט דאס, מיך וועט מען נישט אויפנעמען? איך הייס שמואל פאזנער, איך בין אנגעקומען צום גו-בערנאטאר מילער, זיך געקריגט מיט'ן פאוויאטאווי נאטשעלניק שישאוו און האב זאגאר גערעדט מיט'ן גענעראל-גובערנאטאר שובאלאוו. איך בין גע-ווען עטליכע צוואנציג יאהר סטארשי סטראזשאק און ווען עס איז פארגעקו-מען מיט 31 יאהר צוריק א פאגראם אין טשענסטאכאוו האב איך איינער אליין פערטיידיגט די שוהל און שפע-טער איז פארגעקומען א סאנד, וואו איך בין געוועזען עדות און האב די פא-גראמשטשיקעס פערשיט, אזוי, אז זיי האבען בעקומען לאנג-טערמיניגע ווי-ראקען, אקעגען מיר האט זיך גע-שטעלט דער נאטשעלניק פאוויאטו שי-שאוו און איך האב איהם בעקעמפט".

„וואס דארפט איהר מעהר, ווען איך בין געקומען צום גובערנאטאר מילער מיט א פראשעניע, האט ער מיר גע-ענטפערט „יואם ניע נאדא פראשעניע, ווי אומיעטיע גאווארית שליטשנא, וואט קאק דיעלא! און דא וויל מען מיך נישט צולאזען צו א יודישען פרעזעס? גראדשטיין האט מיר דערלאנגט די האנד, וועקסלער האט זיך מיט מיר געחבר'ט און ווען איך האב געהאט א סאנד אין ווארשא אויף מיאדאווא גאס מיט א היגען גייסלער, נו, האב איך דען נישט געווינען? איך האב זאגאר נישט געדארפט האבען קיין אדוואקאט. און היינט ווען איך בין בלינד און ארים, כ'שעם זיך נישט פאר אייך, איך לייד הונגער און נויט, וויל מען מיך נישט אויפנעמען, כ'זאל אפילו וויסען צו געהן זיצען 3 חדשים אין תפיסה, וועל איך רעדען מיט'ן פרעזעס, איב-ריגענס, וואס וועל איך פערלירען אין תפיסה? איך זעה סיי ווי סיי נישט, ארט עס מיך, אז איך וועל זיצען? אבער מיט'ן פרעזעס וועל איך רעדען.

לעומת בין איך געגאנגען אין דער גויאישער גמינע, איך האב געוואלט אויסמיידען די יודען נאר פון דארט האט מען מיך געהייסען געהן אין דער יודישער גמינע, בין איך געקומען, נו הער איך, אז מען קען צום פרעזעס נישט אנקומען, וואס הייסט דאס נישט קענען אנקומען? ווערט ער רויט פאר כעס און ווידערהאלט די גאנצע גע-שיכטע פון אנהויב אן. מיט'ן גובערנא-טאר מילער, פאוויאטאווע נאטשעלניק שישאוו, מיט'ן גענעראל - גובערנאטאר שובאלאוו, מיט'ן פאגראם אויף דער שוהל אז"וו.

מיך האט שטארק פעראינטערעסירט וואס דער יוד פערלאנגט און כ'האב זיך פערזענליך בעמיהט, אז ער זאל אויפגענומען ווערען.

ביים פרעזעס אין קאבינעט האט ער אנגעהויבען ווידערהאלען די גאנצע מעשה מיט'ן גובערנאטאר מילער, מיט'ן גענעראל-גובערנאטאר שובאלאוו, אז ער איז געווען סטארשי סטראזשאק, אבגעהיטען די שוהל פון א פאגראם און דאס האט ער גערעדט אויף דריי לשונות: פויליש, רוסיש און יודיש...

דער פרעזעס איז געווארען אונגע-דולדיג און האט אלץ אונטערגעטריבען אז ער זאל שוין ארויסזאגען דעם „המלך", אין וואס איהם געהט? יענער אבער האט בשום אופן נישט געוואלט פריהער ארויסזאגען זיין בקשה ביז ער האט פערענדיגט די גאנצע מעשה פון אנהויב ביז'ן סוף און ענדליך ווען ער האט שוין ארויסגעפאקט אלץ איז ער ערשט צוגעקומען צום עיקר. ער וויל, אז אזוי ווי ער איז געווען... דא האט ער ווידער געוואלט איבערחזר'ן אלץ פון אנהויב, נאר מען האט איהם אי-בערגעריסען און געווארענט, אז עס איז נישטא אזוי פיעל צייט און אז מען האט שוין געהערט, האט ער ארויס-געזאגט זיין בקשה: ער וויל, אז מען זאל איהם בעשטימען א וועכענטליכע פענסיע. וויפיעל, וויל ער נישט זאגען, ער פערלאזט זיך, ווייל איהם קומט עס, ער איז געווען א סטראזשאק, ער האט אבגעראטעוועט די שוהל, ער איז...

דער פרעזעס איז אבער שוין לאנג אוועק און האט נאך בעוויזען צו גע-בען א דיספאזיציע, אז מען זאל איהם געבען א פאר גילדען.

צי מיט דעם וועט עס זיך שוין ענ-דיגען, איז א גרויסע פראגע.

זיצט א יודענע מיט א קוויטל אין האנט. ווי עס ווייזט זיך שפעטער א-רויס איז עס א רעצעפט און יעדען דורכגעהער פרעגט זי צו וועמען זי האט זיך צו ווענדען, אז מען זאל עס אונטערשרייבען, כדי זי זאל עס קענען בעקומען אומזיסט אין דער אפטייק.

ווען מען ווייזט איהר אן אויף א דאזאר לויפט זי צו און שטופט איהם די רעצעפט אין דער האנד אריין און בעט זיך: שרייבט אונטער, מיין מאן איז א סופר. ווען דער דאזאר ער-קלערט איהר, אז די קהלה קען אוזל-פעס נישט אונטערשרייבען און אז ווען אפילו מען שרייבט עס יא אונטער וועט די אפטייק סיי ווי די רעצעפט נישט ארויסגעבען, ברעכט אויס די יודענע אין א יאמערליך געוויין, עס איז דאך ערגער ווי סדום, מיין מאן איז דאך נישט קיין שוסטער אדער א בעל - מלאכה. מיין מאן איז דאך א סופר, איהר הערט יודען, א סופר! און קיינער וויל נישט אונטערשרייבען. ווייזט מען איהר אן אויף ר' בעריש זשעריקער, וועלכער איז פארשטעהער אין „לינת הצדק", נאר היות ווי די רעצעפטען - אבטיילונג איז פערמאכט, קען ער דאך במילא נישט אונטערשריי-בען, נאר כדי נישט צו הערען דער פרוי'ס געוויין, שארט ער זיך ארויס דורך א הינטער-טהיר.

די יודענע וויינט און מיט דער רע-צעפט אין דער האנד פערלאזט זי די קהלה, קלאגענדיג: מיין מאן איז א סופר און קיינער וויל נישט אונטערשרייבען.

דזיען דאברי, זאגט אנ'אלטע צובראכענע יודענע אריינקומענדיג אין דער קהלה.

וואס ווילען זי? — פרעגט זי דער סעקרעטאר. קאזאלי מי פזשישטש פשעשלא טיגאדניע — רעדט ווייטער די יודענע אויף א צובראכענעם פוי-ליש. אויב אזוי — ענטפערט איהר שוין איך אויף פויליש דער סעקרעטאר — זאל זי אריינגעהן אין ווארטע - זאל. דזיענקויע פאנו, בעדאנקט זיך די יודענע און געהט אין ווארטע זאל.

צי איהר בקשה איז ערפולט געווא-רען, ספעציעל ווייל זי האט גערעדט פויליש, איז שוין א צווייטע פראגע, אבער כאראקטעריסטיש איז עס פארט.

טאג טעגליך, זעהט מען די יודענע, נאך גאר א יונגע, וועלכע האלט אין איין בעטען, אז מען זאל איהר צונע-מען איהרע קינדער.

דריי קינדער האט זי, דער מאן האט איהר פערלאזט און זי וויל אנקומען אויף א שטעלע פערדינען, שטערען איהר אבער די קינדער. בכן, וויל זי, אז די קהלה זאל איהר די קינדער צו-נעמען, ווארום ווער דען האט די אויפ-גאבע צוצונעמען איהר די קינדער?

קלאפט זי אן ביי אלע דאזארעס און רעדט אין זיי אריין, קושט די הענד און בעט זיך: נעמט צו מיינע קינדער!

שטעהט א פריילין און בעט זיך: בעפרייט מיך פון מיין מוטער, זי איז גייסטיג קראנק, זי דארף א שפיטאל און וואס זאל איך טהון? כ'קאן מיר נישט העלפען.

זי האט שוין אנגעגעבען ביטעס אין דער פערוואלטונג און ווארט אויף אנ'-ענטפער.

איך האב דא דערצעהלט א צענט חלק פון דעם וואס מען זעהט טאג טעגליך אין דער קהלה, און אויב איך דערצעהל נישט מעהר, איז דערפאר ווייל דער פעליעטאן פערציהט זיך צו לאנג.

בילדלעך אבער וועגען דעם, וואס מען זעהט זיך אן אין ווארטע-זאל פון דער קהלה איז אין לשער, און וועל זיי איבערגעבען ביי א צווייטער געלע-גענהייט.

סמאל.



Pozory mylą!

Niech Szanowna Pani nie da się wprowadzać w błąd pozorną taniością. Rzeczy najlepsze są w praktycznem użyciu jednak najtańsze. Podobnie jak istnieją różne gatunki herbaty i kawy, tak też istnieją różne gatunki mydła. Mydło „Kołłontay z pralką", zawierające glicerynę, kosztuje być może 30 groszy więcej niż tak zwane „tanie" mydła, natomiast jest conajmniej o całego złotego więcej warte. Nie dajcie sobie narzucać kawałka innego mydła równej wielkości jedynie dlatego, że jest nieco tańszy. Pozory mylą! Mydło „Kołłontay z pralką" jest jednak tańsze, bo jest lepsze.

כל יהודי

הרוצה להמצא בקשר עם התנועה הציונית עם השפה העברית — הרוצה לדעת את הנעשה בארץ־ישראל בעולם היהודי

יחתום על „העולם"

עתונה המרכזי של ההסתדרות הציונית, בעריכת משה קליינמאן.

בזמן האחרון משתתף ב„העולם" כמעט בכל גליון גם ר' נחום סוקולוב, שהוא לא רק נשיא בסוכנות היהודית וההסתדרות הציונית, ז"א, הכל מוסמך והכי עליון בתנועה הלאומית, אלא גם אביר הסופרים העברים. מלבד זה משתתפים באופן קבוע טובי סופרינו ומבטאי המחשבה הציבורית שלנו.

דמי החתימה בשביל פולניה: 40 זהוב לשנה 20 זהוב לחצי שנה, 16 זהוב לרבע שנה; לחודש אחד 4 זהוב. את דמי החתימה אפשר להעביר ע"י פ. ק. א. „העולם" 190.778. חותמי "העולם" זכאים לקבל את הרבעון „תקופתנו" בהוספה של רק 8 זהוב לשנה.

פרטים וגליון לדוגמא חנם לכל דורש מאת הנהלת „העולם".

„Haolam", 77, Great Russel street, London W. C. 1, Anglja.

Wszechzwiązkowe Zjednoczenie „Torgsin"

Przekazy pieniężne do ZSRR.

Wszyscy mogą teraz przekazywać pieniądze swym krewnym i zamieszkałym w ZSRR. celem otrzymywania towarów z magazynów „Torgsinu". Przekazywać można pieniądze w nieograniczonej ilości i wszystkim bez wyjątku osobom Odbiorca przekazu może według swego upodobania zaopatrywać się w towary wszystkiego gatunku po cenach b. przystępnych. Przekazy na „Torgsin" przyjmują najpoważniejsze banki w Polsce. Informacji osobiście, telefonicznie lub piśmiennie po otrzymaniu znaczka pocztowego udziela Przedstawicielstwo Handlowe ZSRR. Warszawa, Koszykowa 4 tel 90-6-66

וועלכע פאסט-מארקען ווערען צוריקגעצויגען פון אומלויף ?

פון 1 מאי ד. י. פערלירען זייער גילטיגקייט די פאסט-מארקען מיט די בילדער פון מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי, מארשאל פילסודסקי, סלאוואצקי, בעם, די מארקען פון 1924 צו 1, 2 און 3 גראשען ווי אויך די מארקען מיט'ן פויזנער ראטהויז.

פון ספארט

סענסאציאנעלער באקס - מעטש.

גאך די ערפאלגרייכע ארויספאהרמעטשען (אויבערשלעזיען, סאסנאוויץ), האט די לייטונג פון י. ט. ס. פ. אנגאזשירט נאך טשענסטאכאוו דעם בערימטען קאטאוויצער באקסער-קלוב אויף א מעטש, וועלכער האט ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע.

דער קאטאוויצער באקס קלוב, וועלכער האט אויף די לעצטע מייסטערשאפטס - קאמפען פון אויבערשלעזיען ארויסגעוויזען א גלענצענדע פארם קומט צופאהרען מיט זיין בעסטער מאנשאפט, מיט דעם וויצע-מייסטער פון פוילען און מייסטער פון אויבערשלעזיען פאבליצא און מייסטער פון אויבערשלעזיען מיליך אין דער שפיץ.

דער זעהר טאלענטירטער און יונגיטשקער ווינדמאן, וועלכער האט פאריגע וואך בעגייסטערט דאס סאסנאווצער פובליקום קעמפט געגען דעם זעהר גוטען אויבערשלעזיער ושעלעזני. שילניצקי וועט זיך טרעפען מיט דעם בעריהמטען בערנארוש, אז שילניצקי וועט זיך אויסהיילען ביז שבת די האנד דארף ער זיגען. כ'וואט וועט האבען א זעהר שווערען קאמף מיט דעם מייסטער פאווליצא, כוואט וועט אקעגענשטעלען אמביציע דעם רוטין פון זיין געגנער. זילבערבערג קומט ווידער צוריק צו זיין פאריגער גוטער פארם און עס איז צו האפען, אז ער וועט פון קאמף מיט אבראהאם'ען ארויס זיעגרייך. דער קאמף צווישען כליוונער און דעם מייסטער מיליך פערשפרעכט צו זיין זעהר שפאנענד, ווייל כליוונער וויל זיך רעוואנזשירען פאר יורקעוויטש'ס פאריגען פערשפילען אין צווישענשטעדטישען מעטש טשענסטאכאוו—קאטאוויץ. שיין קעמפט מיט דעם ערשטקלאסיגען באקסער קאלסדארפער. דעם רעזולטאט פון קאמף דארף אויספאלען זעהר שעהן.

די קאמפען קומען פאר שבת, דעם 18 ד. ח. 8 אווענד אין זאל פון יוד. טורן-און ספארט-פעראן.

עקזאמען פאר לייכטאטלעטישע שיעדס-ריכטער.

פערגאנגענעם זונטאג איז ספעציעל אראבגעקומען א קאמיסיע פון קאטאוויץ וועלכע האט אדורכגעפיהרט א עקזאמען אויף לייכטאטלעטישע שיעדס-ריכטער. דעם עקזאמען האבען גוט בעלעגט 6 מאן פון דער „בריגאדא": ד"ר פראנקע, אינזש. פראנקע, שאר, יאנקעוויטש,

וואלסקי און שמעקעל. און 3 מאן פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין: וויינבערג, שמאראגד און בריל.

„ווארטא" בעזיעגט דעם י. ט. ס. פ.

דעם פערגאנגענעם זונטאג איז אין זאל פון „בריגאדא" פארגעקומען א קארב און נעץ באל מעטש וועגען בעכער פון ד"ר בילוכאווסקי צווישען דער „ווארטא" און י. ט. ס. פ. די „ווארטא" האט געזיעגט אין נעץ-באל 1:2 (12:15, 15:9, 11:15).

אין קארב-באל 17-36 (9-14) האט די „ווארטא" דאסמאל אויף דעם זיעג גענצליך פערדינט.

פון דער סוחרישער וועלט.

עס איז נישטא קיין סך סוחרים וועלכע זאלען נישט האבען געהערט וועגען דער אקציען-געזעלשאפט צו פאבריצירען מארגארין און פעטס צום עסען „אמאדא". נישט אלע ווייסען אבער, אז די דאזיגע פירמע בעזיצט אין ווארשא א פערטרעטונג א. נ. „האנדעלס-געז. „מארגא" מיט בעגר. האפט.", וועלכע פערשפרייט די דורך „אמאדא" אויסגעארבייטע מארגארין „מנורה" און שפייזע-פעטס „נועם" און „אגוז". אלע דאזיגע ארטיקלען, אלס „פארווע" קענען בענוצט ווערען ביים צוגרייטען אזוי גוט מילכיגע ווי פליישיגע שפייזען און ווערען אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון הרב סעגאלאוויטש, וועמעס חתימה איז אנערקענט געווארען דורכ'ן ווארשאווער ראבינאט. די דאזיגע ידיעה איז צוליעב דעם אנקומענדען פסח זעהר אקטועל, ווייל פרומע יודען קויפען סחורות, וועלכע שטעהן אונטער דער געהעריגער רבנישער אויפזיכט.

די איבערארבייטונגען פון דער פירמע „אמאדא" קענען עמפפעהלט ווערען צום צוגרייטען יו"ט שפייזען אלע פרומע יודען.

Kino „Atlantic".

Tryumf miłości

מיט נאנעי קאראל, טש. ראגערס

Płonący step

מיט דזשעק האלט.

קריזעסלא פון 30 גר.

אנפאנג 5 נאכמ., שבת 4 נאכמ.

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH

A. E. SZMULEWICZ

Spadkobiercy

Częstochowa, Narutowicza № 19/23

עקזיסטירט פון 1886 י.

מאכט בעקאנט, דאס די פאבריק איז לעצטענס איבערגעטראגען געווארען אויף

נארוטאוויטש גאס נר. 19/23,

וואו איהר בעקומט אלערארט

געבויגען מעבעל ווי: **שטוהלען, אומיוואלקעס, וויעשאקעס** פערשידענע פאסאנען **טישען** אויך **גארניטורען**

אלעס צו פאבריקס-פרייזען. הורט און דעטייל.

געדענקט די פירמע **א. ע. שמולעוויטש**, נארוטאוויטשא 19/23.

עגזיסטירט פון 1848 יאהר

די פירמע פון

H. IMICH w Częstochowie

Aleja 16, telefon 97

עמפפעהלט:

אלערליי פארבען, לאקיר'ן, צעמענט און גיפס ווי אויך פאפיר און טעקטורע.

טעלעגראם! **ראטעוועט אייער געזונד!**

אהן בלוט און אהן מעסער! היט אייך פאר פערקריפלונג!

קומט עס זאל נישט זיין צו שפעט!

ליידענדע אויף פערשידענע געברעכליכקייטען און קערפער-פערקרימונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרוים ווי א מענשען קאפ און ווי א וואסער-קאן און קאן זיין לעבענס-געפעהרליך אין בראנדיג ווערען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראכען, בויכבוכען, געבערם-מוטער-ברוכען און העגגע-ברוכען, 2) פערקרימטע פלייצעס (הויקערס,) לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקריפלונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע זאקען, פאר פעט-לייביגע ספעציעלע גומענע באנדאזשען, וואס מאגער די פיגור. דער קראנקער ווערט געהאלפען מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען און פ-אנצוזישע מאסאזשען, פאר פערקרומטע פלייצעס—גארסעטען און ארטאפעדישע אפאראטען ווי אויך גימנאסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאהרען אויסלעבען אהן אפעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פראקטיק און איז געקומען נאך טשענסטאכאוו און בלייבט נאך אויפ'ן פערלאנג פון טשענסטאכאווער פובליקום און פון דער פראווינץ אויף א לענגערען אויפענטהאלט

און נעמט אן

א גאנצען טאג אין האטעל קאליסקי, פילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראפאפארט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר ביליגע פרייזען.

דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען:

פראפ. ד"ר בראנטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קעראנאווסקי און אויך אנדערע.

ראטעוועט דאס געזונד

די בערימטעסטע ערצטליכע וועלט-פערזענליכקייטען האבען פעסטגעשטעלט, אז 75 פראצ. קראנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.

א קראנקער מאגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראנקהייטען, פעראומרייניגט דאס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף-ווערקסלונג.

די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט **Zioła z gór Harcu Dr. Lauera** ווי דאס האבען בעשטעטיגט די פראפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארטין, ד"ר האבעלעטער און א סך אנד. בעדייטענדע דאקטוירים, זענען אן אידעאל מיטעל געזונד צו מאכען דעם מאגען, בעזייטיגען די אבסטרוקציע (פערהארטונג), איז א נוט רייניגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציעס פון די פערדייאונגס-ארגאנען, פערשטארקען דעם ארגאניזם און דערוועקן דעם אפעטיט.

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאל-שטיינער, העמאריד-ליידען, רעוומאטיזם אין ארטעריעס, קאפ ווערטאג, אויסשיטען און לישאיעס.

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געווארען בעשאנקען אויף די ע-צטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכנונגען און גאלדענע מעדאלען אין באדען, בערלין, וויען, פאריז, לאנדאן און אין אנדערע שטעט. ד"ר לאוער האט בעקומען טויזענדער דאנקזאגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב שאכטעלע 1.50 זל., א דאפעלטע שאכטעל 2.50 זל.—פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעטשנעס.

„Grand-Kino"

קאשטשושקי גאס.

לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

דער גרעסטער שלאגער-פילם פון סעזאן

KOMENDA SERC

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאנס 10 אווענד.

RYCERZE MROKU

דער נייעסטער פוילישער סאלאן-סענסאציאנעלער קלאנג-פילם

אין די הויפט-ראלען: בראנילאוו ליוויא, סטאניסלאווא נאוויצקא, פאוועל אווערלא א. א.

אויסערדעם פ.א.ט.-קראניק, צווישען אנדערע: דער אויפענטהאל אין פוילען פון פרעזידענט פון וועלט-פערבאנד „מכבי".

שבת און זונטאג 12 א זייגער צו 49 גר. דאפעלטער פראגראם

מאנדזשוריע ברענט! און אפריקא רעדט.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא

Nowości

לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.

היינט און די טערע טעג.

ווער ס'וויל לאכען, זיך אויסוויינען און זיין צופרידען זאל זעהן דעם דאפעלטען פראגראם

1 פראגראם: פול הומאר פיקאנטעריע

Noc w Grand-Hotelu

מיט דער טעמפעראמענטפולער סוזי ווערנאן.

אנשטאט דעם איבער'ן פראגראם געבען מיר א פולען סאלאן - סענסאציאנעלען פראגראם

LUDZIE BEZ JUTRA

אין דער הויפט-ראל: אגנעס עסטערהאזי א"א,